STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00580

LIDER UN POEMES

Hirsh Glick

•

Permanent preservation of this book was made possible by
Alain Luxembourg
in honor of
Henri & Yvette Luxembourg

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

הירש גליק

לידער און פּאָעמעס

הירש גליק

לידער און פּאָעמעס

מיט אן אריינפיר פון
נחמן מייזיל

איקוף פארלאג
ניו-יאָרק

HIRSH GLICK
LIEDER UN POEMES

Mit an areinfir fun

NACHMAN MEISEL

New York, 1953

Published by
YIDDISHER KULTUR FARBAND (YKUF)
189 Second Avenue, New York 3, N. Y.

שער־בלאַט געצייכנט דורכן קינסטלער י. זעלדין

266

Printed in U.S.A. by
Aber Press, Inc., 37 E. 18th St., New York 3, N. Y.

דאָס בוך

איז געזעצט און געדרוקט

דורך

א. שאולזאָן (אַבער פּרעס)

אין ניו־יאָרק

צום אָנדענק

פֿון די קדושים וטהורים,

אויפֿשטענדלער און קעמפֿער,

וואָס זײַנען אומגעקומען

דורך די היטלער־מערדער

און צוגעטראָגן

אַ מתנה

דעם ייִדישן לייענער

אינהאַלט:

◇

אַריינפיר

הירש גליק, זיין לעבן און שאַפן, פון נחמן מייזיל 11

לידער און פּאָעמעס פון הירש גליק

אַמאָל... 43

זעקס וועלף 44

שמשון 45

דאָס אויג 46

דער אייביקער ניגון 47

וויגט די מאַמע מיך און זינגט 49

הוסייני טשעבי אגלי 50

די נאַכט פון סעפטעמבער ניינצן ניין און דרייסיק 51

דער נאַראָטש ברענט 52

בלאָע זאַמד 54

די באַלאַדע פון ברוינעם טעאַטער 55

שטיל די נאַכט איז אויסגעשטערנט 59

דאָס זאַנגל 60

זאָג נישט קיינמאָל, אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג 62

הירש גליק — זיין לעבן און שאַפן

פון נחמן מייזיל

I

די לעצטע עטלעכע יאָר, זינט דאָס ליד „זאָג נישט קיינמאָל, אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג", איז לחלוטין אומגעריכט, ווי פון זיך אַליין פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ נאַציאָנאַלן פאָלקס־הימן, האָבן מיר געהאַט פאַר זיך בעיקר דאָס ליד, זיין טעקסט און מעלאָדיע. ערשט פון אָט־דעם ליד איז מען געקומען צו זיין פאַרפאַסער, צום יונג־אומגעבראַכטן הירש גליק. דער צענטער פון אונדזער אויפ־מערקזאַמקייט איז געווען די אויסטערלישע דיכטערישע שאַפונג און פון איר האָט זיך געוועקט דער אינטערעס צום דיכטער. און האָבנדיק פאַר זיך דאָס ליד „זאָג נישט קיינמאָל" און נאָך צוויי (אין פאַרגלייך מיט דעם ליד) שוואַכערע לידער, האָבן מיר געטראַכט און אַזוי שוין געפועלט ביי זיך, אַז דאָס ליד „זאָג נישט קיינמאָל" איז ווי עפּעס אַ וואונדער פון זיין ליבן נאָמען. אַן אומבאַקאַנטער יונגערמאַן האָט דאָס ליד אַזוי, אין אַ מאָמענט פון באַזונדערער דערהויבונג און מיט דער הילף פון עפּעס אַ מין שאַפערישן „רוח הקודש", אויסגעוויטיקט, אַרויסגעפיבערט, אָדער אַרויסגעזונגען די פּרעכטיקע שורות, וואָס האָבן געבראַכט צום אויסדרוק אַן אויסערגעוויינלעכן געמיט־צושטאַנד פון דער קעמפנדיקער יידישע מאַסע אין ווילנער געטאָ.

די פאַרשיידענע זכרונות, שילדערונגען און באַשרייבונגען, וואָס זיינען פאַרעפנטלעכט געוואָרן די לעצטע זיבן־אַכט יאָר אַרום „זאָג נישט קיינמאָל", האָבן דעריבער געהאַט צו טאָן בעיקר מיט דעם, ווי דאָס ליד איז געשאַפן געוואָרן, ווי אַזוי איז עס אויפגענומען געוואָרן

אין דער ווילנער געטאָ און ווי ס׳איז דערנאָך בליץ־שנעל פאַר־שפּרייט געוואָרן איבער גאָר דער וועלט, איבער־געזעצט געוואָרן אויף פאַרשיידענע שפּראַכן און איז געוואָרן דער יידישער פאָלקס־הימן. אין דער־אָ ריכטונג איז אויך געווענדט געווען מיין אַרבעט, דאָס ביכל „הירש גליק און זיין ליד ׳זאָג נישט קיינמאָל׳״, וואָס איז דער־שינען מיט איבער דריי יאָר צוריק (ניו־יאָרק, 1949, 64 ז״ז, געבויט אויף די צוויי אַרטיקלען אין „יידישע קולטור״ דעצעמבער 1948, פעברואַר 1949). דאָס ביכל פאַרנעמט זיך, קודם־כל, מיט דעם ליד, מיט זיינע פאַרשיידענע וואַריאַנטן, איבערזעצונגען — אין העברייאיש, ענגליש, פויליש, רומעניש, האָלענדיש, שפּאַניש א. אַנד. — און אויך מיט דער מעלאָדיע פונעם פּאַרטיזאַנען־ליד, וואָס איז אַריין צוזאַמען מיטן טעקסט, ווי אַ דבר שבקדושה אינעם יידישן לעבן.

איצט, מיטן אַנטפּלעקן אַ צאָל לידער, וואָס דער יונגער ווילנער בחורל האָט געדרוקט אין די יאָרן 1939־1940 — אַ פּאָר יאָר איידער ער האָט פאַרפאַסט זיין „זאָג נישט קיינמאָל״, און מיט דעם פאַר־עפנטלעכן אייניקע, דערווייל גאַנץ־קנאַפּע און מאָגערע, זכרונות וועגן דעם יונג־פאַרשניטענעם דיכטער, האָבן מיר די מעגלעכקייט אָנ־צוּוואַרפן אייניקע שטריכן צו דער געשטאַלט פון דעם ווילנער יונג־פאַרשניטענעם דיכטער, וואָס דער ביטערער גורל האָט אים נישט געגעבן די מעגלעכקייט אויסצוּוואַקסן אין דער גרייס און אין דעם פאַרנעם, צו וועלכן ער איז בלי ספק געווען ראוי און מסוגל. דאָס מזל איז נאָך מער אכזריותדיק געווען צו אים און צו זיין שאַפן, וואָס אַפילו די לידער און פּאָעמעס, וואָס ער האָט באַוויזן אין זיין יונג לעבן צו שרייבן, זיינען פאַרלוירן געגאַנגען, אָדער וואַלגערן זיך ערגעץ־וואו און ווער ווייסט, צי זיי וועלן אַמאָל דערזען די ליכטיקע שיין.

און אַז מיר האָבן געהאַט אין הירש גליקן אַ פיל־צוזאָגנדיקן, טיף־אייגנאַרטיקן און עכטן יידישן דיכטער, — וועגן דעם איז קיין ספק נישט, ווען מיר באַקענען זיך מיט דעם, וואָס איז דערוויייל אונדז באַקאַנט. אין דער באַציאונג צו הירש גליקן בכלל און צו זיין דיכ־טערישער ירושה באַמערקן מיר די זעלבע „הפקר אַ וועלט״. מען האָט זיך באַגנוגנט מיט דעם, וואָס ס׳איז שוין געווען באַקאַנט און נישט געגעבן זיך די מי צו זוכן און נאָכצוזוכן וואו נאָר מעגלעך אַלץ וואָס איז אַרויס פון זיין געבענטשטער פעדער און פון זיין רייכן דיכ־טערישן געמיט.

און נאָך טיפֿער איז דער ווייטיק און נאָך גרעסער איז דער צער און צאָרן, וואָס אין די גרויליקע היטלער־יאָרן זיינען אין פֿאַרשיידענע לענדער און געגנטן, אין די געטאָס און אין די וועלדער, אויף שלאַכט־פֿעלדער און אין די ווידערשטאַנד־ און אויפֿשטאַנד־קאַמפֿן, אומגעקומען צוזאַמען מיט מיליאָנען יידן נאָך און נאָך יונגע, יונגעטשקע יידישע דיכטער, דערציילער, שאַפֿער אויף אַלערליי געביטן, וועלכע האָבן נישט באַוויזן אַרויסצואַנטפּלעקן דאָס, וואָס זיי האָבן פֿאַרמאָגט און געטראָגן אין זיך און וועלכע וואָלטן זיכער געקאָנט באַרייכערן מיט זייערע ווערק די יידישע שאַפֿערישע אוצרות.

דער גלענצנדיקער, פֿרי־פֿאַרשטאָרבענער יידיש־סאָוועטישער דיכטער אהרן קושני־ראָוו (1891־1949), וואָס האָט אַליין גופֿא אַדורכגעמאַכט, ווי אַ זעלנער און קאָמאַנדיר אין דער רויטער אַרמיי, דעם ערשטן און צווייטן וועלט־קריג, רופֿט זיך טיף־רירנדיק איבער מיט די יונגע שאַפֿער, די זעלנער, קעמפֿער, קריגער און באַשיצער. אינעם ליד, געשריבן אין 1944, זאָגט א. קושני־ראָוו:

„אָ, יינגלעך אַכצניעריקע און צאַרטע
ווי פֿרי אויף אייער גורל איז געפֿאַלן
דער שווערער עול פֿון מענער און סאָלדאַטן,
דער שטאָלצער חוב פֿון קריגער און באַשיצער!
ווי פֿרי עס מוז געפּרוואווט ווערן אין פֿייער
די רייפֿקייט אייערע, דער כוח אייער...
— — — — — — — — — — — — — — —
אָ, אָדלער מיט קוים־קוים געשטאַרקטע פֿליגל,
פֿון נעסטן היימישע נאָרוואָס אַרויסגעפֿלויגן...

(„געקליבענע לידער“, 1947).

מיר לייענען און לייענען זיך אַריין אין די רירנדיקע און צאַפּלדיקע לידער פֿונעם אומבּרחמנות־אומגעבראַכטן יונגן הירש גליק, דעם „אָדלער מיט קוים־קוים געשטאַרקטע פֿליגל“; מיר פֿאָלגן נאָך נאָך זיינע „ביכורים“, וואָס זיינען, צו אונדזער ווייטיק, פֿאַרבליבן זיינע „שוואַנען לידער“, און אויפֿן זינען קומט אַרויף נאָך אַזאַ מין יונג־פֿאַרשניטענער „אָדלער מיט קוים־קוים געשטאַרקטע פֿליגל“ — ביינוש שטיימאַן, וואָס איז אין 1919, אין עלטער פֿון קוים צוויי־און־צוואַנציק יאָר אומגעקומען אַרום קיעוו פֿון אַ „נאַרישער קויל“ און

איבערגעלאָזט די באַריכמט־געוואָרענע דראַמאַטישע פּאָעמעס „משיח־בן יוסף״, „ביים טויער״ און „דאָס רויטע קינד״, — די אַלע דיכטערי־שע ערשטלינג־שאַפונגען, וואָס האָבן איבערראַשט מיט זייער גרויסן פּאַרמעסט, דראַמאַטישן כוח און ווייטע אַרויסבליקן. וואָס פאַר אַ דיכ־טערישע און וויזיאָנערישע וועלטן זיינען געווען פאַרבאָרגן אין אַט דעם יונג־פּאַרשניטענעם דיכטער־דראַמאַטורג! דער ווייניק־באַקאַנטער ביינוש שטיימאַן — אַ גליקלעך און פאַטאַל קינד פון דער רעוואָלוציע פון 1917־1919, ער איז אויפגעקומען און אַרויסגעבראַכט געוואָרן דורך די אויפברויזנדיקע כוואַליעס פון יענער מערקווירדיקער צייט, דורך איר יובעל און שרעק, און אַליין דערנאָך — אינעם געראַנגל צווישן די ליכטיקע און פינצטערע כוחות טראַגיש און אומפאַרגעבלעך אומ־געקומען. און ווי ער, אַזוי אויך — הירש גליק, — אַט דאָס קינד פון דער אויפוואַכנדיקער יידישער ווילנע מיט אירע יידיש־רעוואָ־לוציאָנערע בונטאַרישע טראַדיציעס פון אהרן ליבערמאַן, הירש לע־קערט, א. ווייטער, וועלכער איז אין דעם ברען און אינעם פלאַקער־פייער פון דעם רעוואָלוציאָנערן יונג־ווילנערישן און יונגוואַלדישן יידישן לעבן אויפגעקומען, און אין דער נאָענטקייט פון איציק וויטענ־בערג און אבא קאָוונער אויפגעפלאַקערט און אין דער גרויל־גרוי־זאַמער צייט פון היטלערישע תליונים טראַגיש־העראָאיש אומגעקומען.

די אַלע פאַרבליבענע, פאַרהיטענע לידער פון הירש גליק וועלן זיכער פאַרבלייבן אין דער רייכער שאַפערישער מאַרטיראָלאָגיע פונעם פיל־געפייניקטן יידישן פאָלק באַגלייך מיט די איכהס, קינות און סליחות אין די אוצרות פון יידישער מאַרטירערײ און העלדישקייט.

2

הירש (הירשקע) גליק איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1922 (אַזוי באַשטעטיקט זיין שוועסטערקינד, דער משלים־שרייבער פרץ מיראַנסקי — און נישט ווי ס׳איז ביז אַהער אָנגענומען, אַז הירש איז געבוירן אין 1920). זיינע עלטערן, וועלוול און רחל, האָבן געוואוינט אויף שניפּישאָק, אָדער ווי די גאַס האָט געהייסן אויף פּויליש: וויל־קאָמיעסקאַ, נומער 118. ווי ס׳שרייבט מיר פּרץ מיראַנסקי (איצט אין מאָנטרעאָל, קאַנאַדע) איז הירשס טאַטע „געווען אַ הענדלער פון אַלטן אייזן, געגוצטע פלעשער און שמאַטעס״. אין זיין בריוו צו וואָלף יונין („טאָג״, צווייטער אָקטאָבער, 1949) מאָלט פּ. מיראַנסקי די גאַס און דאָס הויז, וואו הירש איז געבוירן און אויפגעוואַקסן געוואָרן: „גרויס שניפּישאָק. אַ לאַנגע גאַס אויף דער אַנדערער זייט ווילִיע (דער טייך אין ווילנע).ביים אָנהויב — אַ קלויסטער, דערנאָך — די קאַזאַרמעס. שפּעטער — יידן, אַ יידישע גאַס אויף נײַנציק פּראָצענט. פון אָנהויב גאַס האָבן געוואוינט קליין־הענדלער, בעלי־מלאכות. אינמיטן — דאָס „קוילער געסל״. זומער האָבן די וואַסאָווניקעס געוואָסעוועט האָלץ פון ווילִיע צו די טאַרטאַקן, צענומען די פליטן און געטראָגן אויף די פּלייצעס. ווינטער — איזוואָשטשיקעס, פורמאַנעס... הויכע, געזונטע יידן, וואָס קאָנען געבן און נעמען אַ פּאַטש. זיי פלעגן תמיד מלחמה האַלטן דינאַסטיעסווייז: די „קאַראָוועס״ מיט די „קרומע קעפּ״, די „פּאַנטעס״ מיט די „בולאָוועס״ א. אז. וו.

„צום ענדע געסל — די אַזוי־גערופענע „ראַגאַטקע״־כאַטקעס אונטער די „שעשקינער בערג״, קרעמערלעך מיט אייגענע כאַטקעס און דאָרפס־הענדלער. דאָרטן, אַ שטוב קעגן אַ שטוב, וואָס די ברייטע האַלב־ברוקירטע גאַס האָט צעטיילט, זיינען געבוירן געוואָרן און געוואוינט: [פּ. מיראַנסקי] און דער בלאָנדער, שיינער, פאַרטראַכטער יינגל — הירשקע גליק״.

„זיין טאַטע איז געווען אַן אָרעמאַן אין זיבן פּאָלעס, אָבער אַן ערלעכער און גוטער".

און פּ. מיראַנסקי דערציילט ווייטער: „הירשקע גליקס משפּחה איז באַשטאַנען פון זינגער און בעלי־מנגנים. אַז כ׳בין געווען אַ קינד, פלעג איך אָפטליגן גאַנצענע טעג הינטער זייערע פענצטער און זיך צוהערן צום געזאַנג פון הירשקעס שוועסטער און צו דער געקלינגעריי פון די מאַנדאָלינעס, אויף וועלכע זיינע דריי ברידער האָבן געשפּילט... איך האָב מיך ניט געקאָנט אָפּרייסן פון זייער הויז. בפרט נאָך, ווען מיין מאַמעס אַ ברודער, דוד לייביסקי, איז שפּעטער געוואָרן דער מאַן פון איינער פון הירשקעס שוועסטער, גיטל. דאָרט האָב איך אויך געפונען דעם ערשטן אוצר: אַ פּאָליצע מיט פאַרשיידענע ביכער; נחמן בראַצ־לאַווערס מעשיות, אייזיק מאיר דיקן, מאַפּו, דעם „קב־הישר". כ׳האָב צו מיינע צען יאָר די ביכער געשלונגען ווי מצה־וואַסער. זיין משפּחה האָט געלעבט אין שטענדיקער אָרעמקייט, תמיד אויפן חסד פון מיין און זיין פעטער, — דוד לייביסקי, — וואָס האָט זיי אין גרעסטן טייל גע־האָלפן און געהאַלטן, טאָקע ביי זיי אין הויז, אַ בשמים־קרעמל. איז הירשקע אויסגעוואַקסן אַ שטיל, פאַרטראַכט יינגל, איבערגעגעבן ביז גאָר צו זיין פאַמיליע און זיינע חברים — הירשקע לייביסקי און יאַנ־קעלע מיליקאַווסקי".

„די משפּחה, — שרייבט מיר פּרץ מיראַנסקי אין אַ בריוו פון 8טן יולי, 1952, — איז געווען אַביסל רעליגיעז און אַביסל וועלטלעך. הירשקע האָט געלערנט אין אַ העברייאישער פאָלקס־שול אויף זאַוואַלנע גאַס". דער פאַרוואַלטער פון דער שול האָט פאַרלאַנגט פון די עלטערן, אַז הירשקע זאָל פאַרזעצן זיין לערנען צוליב זיינע גרויסע פעיִקייטן, אָבער ער איז אַוועק פון דער שול און אָנגעהויבן אַרבעטן ביי שובן אין פּאַפּיר־געשעפט אויף סטעפאַן־גאַס, כדי צו קאָנען אַרויסהעלפן דער פאַמיליע. ער איז דאַן אַלט געווען אַ 16 יאָר. דאָס איז געווען אין 1938.

מערקווירדיק, הירש גליק האָט אין קיין יידיש־וועלטלעכער שולע ווי אַ גרויסע צאָל יידישע מאַסן־קינדער אין ווילנע, נישט געלערנט; פון דער יוגנט אָן איז ער געווען אַ מיטגליד פון „השומר הצעיר", וואו מ׳האָט געשענקט מער אויפמערקזאַמקייט און אינטערעס דער העבריי־אישער שפּראַך, ווי דער יידישער, און דאָך האָט ער אין אַזאַ יונגן עלטער אַזוי גלענצנד באַהערשט יידיש און זיך אויסגעצייכנט מיט אַ פּרעכטיקן אייגענעם סטיל.

ווי עס דערציילט ש. קאַטשערגינסקי (אין זיין בוך „איך בין געווען אַ פּאַרטיזאַן", בוענאָס־איירעס 1952) איז איין מאָל, נאָך אַן אָוונט פון „יונג ווילנע" אין אַ ווילנער זאַל, צוגעקומען צו אים דער פּופּצן יאַריקער הירשקע גליק און האָט שטיל אויסגעשעפּטשעט:

— איך שרייב אויך, און חוץ מיר זיינען דאָ נאָך, וואָס שרייבן, — אַ גאַנצע גרופּע...

„אין אַ פּאָר טעג אַרום — דערציילט ש. קאַטשערגינסקי — זיינען צו מיר געקומען: הירשקע גליק, שבע פייגענבערג, משה גורין און ראַבינאָוויטש. קינדער נאָך. אָרעמקייט האָט זיי פון שטוב אַרויסגעטריבן און צו זוכן פּרנסה געצוואונגען. די יינגלעך קענען זיך איינע די אַנדערע שוין פון לאַנג. זיי וואוינען איצט אויף איין גאַס, אויף קליין שניפּישאָק, אויך צוזאַמען אין איין שול געגאַנגען, אין דער „בית יהודה". ווען זיי האָבן זיך דערוואוסט, אַז שבע פייגענבערג שרייבט אויך, האָבן זיי זי אויך איינגעלאַדן צו זיך אין קרייז, וואו זיי לייענען איינע פאַר די אַנדערע זייערע שאַפונגען".

„שפּעטער־צו האָט זיך צו דער יוגנט־גרופּע דערנענטערט דער יונגווילנעאַנער לייזער וואָלף, ער האָט געוואוינט אויף דער זעלביקער גאַס, וואָס זיי. צוזאַמען האָבן זיי אַרויסגעגעבן עטלעכע נומערן פון אַ זשורנאַל „יונגוואַלד". אונטער דעם נאָמען האָט זיך די גרופּע דערנאָך באַקאַנט געמאַכט אין שטאָט".

און ווייטער: „הירשקע האָט געקראָגן אַ בעסער־באַצאָלטע שטעלע אין אַן אייזן־געשעפט ביי בעניא קאַנסקין אויף דער זאַוואַלנער גאַס. אין די געשעפטן האָט מען נישט געוואוסט פון קיין באַשטימטע אַרבעטס־שעהן, און אָפט פלעג איך אים זען שפּעט ביינאַכט גיין אַהיים פון דער אַרבעט אַן אויסגעמאַטערטן. ער האָט אַפילו אויפגעהערט צו קומען אין דער יוגנט־אָרגאַניזאַציע, וואו ער פלעגט פריער די פרייע צייט פאַרברענגען. הירשקע איז אין דער גרופּע געווען דער „אַרי שבחבורה" (דער אַנגעזעענסטער, וויכטיקסטער) — כאָטש צווישן אַט־די יונגע איז ער נאָך אַלץ געווען דער יינגסטער".

„איך געדענק אים — זאָגט ש. קאַטשערגינסקי — אין קורצע הייזלעך, פאַרשנירעוועטע קאַמאַשן אויף די פיס. אין די בלויע אויגן רייסט זיך זוניקע ליכטיקייט, קורץ געשוירענע האָר"...

פּרץ מיראַנסקי באַטאָנט, אַז „הירשקע גליקס ערשטע לידער זיינען שוין געווען רייף און האָבן פאַרמאָגט אַן אייגנאַרטיקן טאָן". הירש גליק איז ראַש געוואַקסן און איז געווען ממש אַ מין „מעין הנובע",

אַ קוועלנדיקער קוואַל. ער איז געווען איינער פון די פירנדיקע מיט־גלידער פון „יונגוואַלד״, דער נאָכוואוקס פון „יונג־ווילנע״. באַזונ־דערס האָט ער זיך געפונען אונטערן איינפלוס פון לייזער וואָלפן, דעם פּרעכטיקן דיכטער פון דער „יונג־ווילנע״־גרופּע *). ער האָט געמאַכט שנעלע, האַסטיקע שריט אין זיין שרייבן. „זיין פּראָדוקציע און וואוקס אין שרייבן, — זאָגט פּ. מיראַנסקי, — איז געווען אַזאַ שנע־לער, אַז... ס׳איז שוין געווען אַ פראַגע אים אַריינצונעמען אין ׳יונג־ווילנע׳...״

נאָך אַ מיטגליד פון דער באַוואוסטער דיכטער־גרופּע „יונג וויל־נע״, דער דיכטער א. וואָגלער (איצט אין פּאַריז) שרייבט מיר: „...וועגן הירש גליק קאָן איך אייך, ליידער, ווינציק דערציילן. מיר פלעגן זיך זעלטן טרעפן און געוואוינט אין פאַרשיידענע געגנטן פון שטאָט. ער, ע״ה, האָט געוואוינט אויף שניפּישאָק און איך — אויף סטעפּאַן גאַס. אויף וויפל איך געדענק אים נאָר, איז ער געווען אַ תמימותדיק, פאַרחלומט ייִנגל פון שלאַנקן וואוקס מיט אַ כשרן בליק, ריין ווי קרישטאָל. הירש גליק האָט זיך תמיד געטוליעט צו זיין על־טערן חבר, דעם זייער אָריגינעלן יונג־פאַרשטאָרבענעם פּאָעט לייזער וואָלף... ה. גליק האָט שווער געהאָרעוועט אויפן ביסן ברויט און אין די פרייע שעהן געשריבן אייגנאַרטיקע לידער...״ (בריוו פון 15טן יאַנואַר, 1953).

אברהם סוצקעווער שרייבט מיר אין אַ בריוו (תל־אָביב, דעם 8טן יולי, 1952): „אויסער די לידער, וואָס איר האָט געפונען, האָט ער [הירש גליק] אין 1940 געהאַט געדרוקט אַ סעריע אונטערן נאָמען „אין לאַנד פון ליקוי חמה״, אַ ליד וועגן הירש לעקערט און אַנ־דערע...״

---

*) לייזער וואָלף — טאַלענטפולער דיכטער, — איינער פון דער באַקאַנטער גרופּע דיכטער און נאָוועליסטן „יונג ווילנע״, צו וועלכער ס׳האָבן געהערט חיים גראַדע, א. וואָגלער, משה לעווין, פּרץ מיראַנסקי, א. סוצקעווער, ש. קאַטשערגינסקי, שמשון כהן א. אנד. עס זיינען דערשינען פון לייזער וואָלף: „שוואַרצע פּערל״ (געקליבענע לידער), פאַרלאַג „ליטעראַרישע בלעטער״, וואַרשע, 1939, 118 ז״ז (וואו ס׳זיינען געווען פיר אָפּטיילונגען: פאָלק, איך, באַלאַדיש, קעפּ); „ליריק און סאַ־טירע״, מלוכה־פאַרלאַג „דער עמעס״, מאָסקווע, 1940, 48 ז״ז (מיט אַ קורצן פאָר־וואָרט פון א. קושנעראָוו); „די ברוינע בעסטיע״ (באַלאַדעס און סאַטירעס), אגיז, מלוכה־פאַרלאַג „דער עמעס״, מאָסקווע, 1943, 64 ז״ז, (מיט אַ פאָרוואָרט־נעקראָלאָג, געשריבן פון עזרא פינינבערג, דעם 28טן אויגוסט, 1943). לייזער וואָלף, געקומען קיין ראַטנפאַרבאַנד אין 1940, איז פרילינג 1943 פריצייטיק געשטאָרבן אין אוז־בעקיסטאַן.

און ווייטער שרייבט מיר א. סוצקעווער: „ביז 1939 פלעגט ער פֿאַרלייענען, דער עיקר אין די שבתים ביי מיר אין שטוב, צענד־ליקער לידער און פּאָעמעס. איין גרויסע פּאָעמע זיינע, „מע האַקט אַ וואַלד", האָב איך גענומען ביים אים און אָפּגעשיקט א. לעיעלעסן פֿאַרן זשורנאַל „אינזיך". ס'איז געווען אַרום אויגוסט 1939, און כ'בין ניט זיכער, צי די פּאָעמע איז דערגאַנגען. ער [הירש גליק] האָט מיר אויך געהאַט פֿאָרגעלייענט אַ דראַמאַטישע פּאָעמע, וואו ס'איז שטאַרק קענטיק געווען די השפּעה פֿון לייזער וואָלף. עטלעכע לידער זיינע (אַלץ פֿאַר דער מלחמה) האָט זיך געקליבן איבערצוזעצן, אָדער שוין געהאַט איבערגעזעצט, דער ווייסרוסישער פּאָעט טאַנק..."

„אין ווילנער געטאָ — שרייבט ווייטער א. סוצקעווער, — און אין די רעשער טאָרף־גריבער, ווי אויך אין עסטאָניע האָט ער אַ סך, זייער אַ סך געשריבן. זיינע מערסטע שאַפֿונגען זיינען קענטיק פֿאַר־פֿאַלן געוואָרן. ביי מיר געפינען זיך ערגעץ אַ פּאָר לידער זיינע, נאָך קיינמאָל ניט־פֿאַרעפֿנטלעכטע — וואָס ער האָט געשריבן אין די געטאָ־יאָרן. איך קאָן זיי, לײַדער, ניט געפינען. איינס הייסט — „טאָרף־ליד". כ'דערמאָן זיך זיינס אַ ליד וועגן [איציק] וויטענבערגן, וואָס איז שטאַרק געפֿעלן קלמנאָוויטשן. און נאָך אַ געטאָ־ליד, וואו ער האָט פֿאַרגליכן דעם פּאָליציאַנט ביים טויער צו אַ טערמאָמעטער, פֿאַר־קוועטשט אונטערן אָרעם..." „כ'האָב געהערט, — פֿאַרענדיקט זיין בריוו א. סוצקעווער, — אַז ביי זיינע לעבן־געבליבענע חברים האָבן זיך פֿאַרהיט נאָך אַנדערע לידער. ס'וואָלט געווען אַ יושר זיי אויפֿ־צוזאַמלען..."

וועגן הירש גליק אין דער ווילנער געטאָ שרייבט ש. קאַטשער־גינסקי (אינעם דערמאָנטן בוך „איך בין געווען אַ פּאַרטיזאַנער"):

„...אין דער ווילנער געטאָ איז ער לאַנג נישט געווען. ער ווערט איבערגעשיקט הינטער ווילנע, אין אַרבעטס־לאַגער ווייסע וואקע, וואו ער דאַרף, צוזאַמען מיט נאָך אַ פּאָר הונדערט יידן, גראָבן טאָרף. די זייער שלעכטע לעבנס־ און אַרבעט־באַדינגונגען האָבן אין אים נאָך מער פֿאַרשטאַרקט דעם ווילן צו באַשרייבן אין אַ קינסטלערישער פֿאָרם דאָס איבערגעלעבטע. אין די שפּעטע אָוונטן נאָך דער אַרבעט, אין דער פֿינצטערער שאַפּע, וואו די יידן שלאָפֿן אויף האַרטע נאַרעס, אונטער אַ צעלעכערטן דאַך — רוט ער, הירשקע, נישט איין, ער שרייבט".

די „ליטעראַטן־פֿאַראייניקונג אין געטאָ, וואָס האָט אָרגאַניזירט

קאָנקורסן אויף ליטעראַרישע שאַפונגען, האָט פּרעמירט הירש גליקן צוויי מאָל פאַר זיינע ווערק. פון צייט צו צייט קומט ער אין געטאָ. דאָס איינציקע אָרט זיינס איז דאַן אין יוגנט־קלוב, וואו ער לייענט פאַר די יונגע צוהערערס זיינע ווערק און האָט גרויס דערפאָלג". (ז"ז 104־106).

פרץ מיראַנסקי, אין זיין בריוו צו מיר, דערמאָנט הירש גליקס חברים — משה גורעוויטש (געווען אין שוועדן), אברהם ראָטקינד (איצט אין ניו־יאָרק), וואָס ווייסן אָדער געדענקען גליקס לידער. א. ראָטקינד קען אַ ליד פון הירש גליק, נאָך נישט געדרוקט, וואָס ער, מיראַנסקי, געדענקט בלויז דעם רעפריין:

עמערל, עמערל, שעפּ
פרישינקע וואַסער מיר אָן,
נעם מיט מיין פּיין
אין ברונעם אַריין,
אפשר וועט דאַן
גרינגער מיר זיין!

מוזן מיר, כל זמן ס'איז נישט שפּעט, נישט מיד ווערן צו זוכן און צו געפינען נאָך שאַפונגען פון הירש גליק.

צעשאַ ראָזענבערג, אַ מיטגליד פון דער פּאַרטיזאַנען־אָרגאַניזאַציע אין ווילנער געטאָ (איצט אין אַמעריקע) פּאַרזיכערט, אַז ברוך גאָלד־שטיין, וואָס לעבט איצט אין ישראל, איז געווען נאָענט צו הירש גליקן אין די לעצטע יאָרן זיינע. ער ווייס אפשר וואָסערע ס'איז אומבאַ־קאַנטע פּרטים וועגן אים.

אין זיין בוך „מיטן פּנים צום מאָרגן" (וואַרשע, 1952) אינעם אַרטיקל „גרונט־שטריכן פון געטאָ און לאַגער־ליד" (ז"ז 141־161) ברענגט ש. לאַסטיק אַ לענגער ליד „עס האָט אונדז דאָס לעבן גע־רופן", וואָס האָט זעקס־און־דרייסיק שורות (מיט אַ רעפריין) און דערביי גיט ער צו, אַז דאָס איז „לויט אַלע וואַרשיינלעכקייטן" הירש גליקס. אברהם סוצקעווער פּאַרזיכערט מיך אין זיין דערמאָנטן בריוו צו מיר (פונעם 8טן יולי, 1952), אַז דאָס ליד „האָט געשריבן אין ווילנער געטאָ לייב ראָזענטאַל (ס'האָט צו גליקן קיין שייכות ניט)". אין דער אַנטאָלאָגיע „לידער פון די געטאָס און לאַגערן" (ז"ז 248־249) ווערט געבראַכט אַ ליד „לאָמיר שוייגן" מיט אַ באַמערקונג, אַז

מ׳איז נישט זיכער, צי ס׳איז הירש גליקס. שרייבט א. סוצקעווער אין זיין בריוו: „אויף דאָס ליד, ׳לאָמיר שווייגן׳, בין איך איבערצייגט, איז ניט גליקס; ס׳איז ניט אין זיין טאָן״.

הקיצור, מען דאַרף זיין זייער פאָרזיכטיקביים מייחס זיין, ביים צושרייבן פרעמדע לידער צו הירש גליקן. מ׳דאַרף בעסער פלייסיק זוכן זיינע אייגענע לידער. פרץ מיראַנסקי מיינט, אַז אין ווילנער מוזיי אויף שטראַשון גאַס נומער 6 קאָנען זיך געפינען הירשקעס מאַנוסקריפטן. ליידער, זיינען מיר לחלוטין אָפּגעריסן פון ווילנע, און מיר קאָנען נישט דערגיין צי זיינען דאָרטן ווירקלעך פאַראַן לידער פון הירש גליקן.

3

די ערשטע צען לידער פון הירש גליק, וואָס ווערן דאָ געגעבן אין בוך (זיי זיינען געדרוקט געווען אין „יידישע קולטור" 1952, נומער 8), זיינען פאַרעפנטלעכט געוואָרן דורך הירש גליקן אין די יאָרן 1939 און 1940. ער איז דאַן אַלט געווען, לויט איין ווערסיע — ניינצן־צוואַנציק יאָר, און לויט דער אַנדערער — אַ מער־זיכערע — איינגאַנצן אַ זיבעצן־אַכצן יאָר. זייער מעגלעך, אַז אייניקע לידער, וואָס זיינען געדרוקט געווען אין אָט די צוויי יאָר, זיינען געשריבן געוואָרן דורך הירש גליק מיט אַ יאָר פריער. זאָגט דאָך עדות פרץ מיראַנסקי, זיין עלטערער חבר און שוועסטערקינד, אַז „פרי האָט הירשקע גענומען שרייבן". צווישן די מיטגלידער און באַטייליקטע אין די זאַמלהעפטן „יונגוואַלד", וואָס זיינען דערשינען אין ווילנע אין די ערשטע פיר חדשים פון 1939, יאַנואַר־אַפּריל, איז דער יונגעטשקער הירש גליק (נאָך דעם דיכטער לייזער וואָלפן, וואָס איז געווען איינער פון דער גרופּע „יונג־ווילנע") געווען פון די סאַמע וויכטיקסטע. אַ סימן: אין די פיר (אפשר זיינען אַרויס נאָך העפטן?) אויפגעהיטע העפטלעך, וואָס האָבן אינגאַנצן צו אַכט זייטלעך, איז הירש גליק פאַר־טראָטן מיט זיבן לידער.

די זיבן לידער: „אַמאָל", „זעקס וועלף" („יונגוואַלד", יאַנואַר 1939), „שמשון" (פעברואַר), „דאָס אויג", „דער אייביקער ניגון" (מערץ), „וויגט די מאַמע מיך", „הוסייני טשעבי אַגלי" (אַפּריל), און די וויטערדיקע דריי לידער: „די נאַכט פון סעפּטעמבער 1939", „דער נאַראָטש ברויזט" און „בלויע זאַמד" („ווילנער עמעס", סעפּ־טעמבער און נאָוועמבער, 1940) ברענגען פאַר אונדז אַרויס אַן אינ־טערעסאַנטע דיכטערישע פערזענלעכקייט, וואָס איז געבענטשט מיט אַ שאַרף אויג, מיט אַן אייגנאַרטיקן געמיט־צושטאַנד, מיט פאַרלאַנגען, טרוימען און וויזיעס און אויך — אַנטוישונגען, געדריקטער שטימונג

און צווייפל. אין דער אונטערשטער שורה אָבער פאַרמאָגט דער יונגער דיכטער־אָנהויבער גלויבן, מוט און אויסבליק אויף בעסערע צייטן. די טרוימען זיינען פאַרשיידענע — לכתחילה — אַפילו יינגלשע, אָבער דערנאָך (דער „דערנאָך" איז געדרוקט אויף אַן אָנדערטהאַלבן יאָר!) — שוין קלאָרע, רעאַלע, קאָנקרעטע, מוטיקע פאַרלאַנגען.

דער יונגער דיכטער קומט אַרויס מיט אַן אייגענער קלאָרער, לויטערער שפּראַך, און ער דריקט אויס בוילעט און קלאָר אַ געדאַנק, אַ סיטואַציע. ער מאָלט מיט אַ זיכערער האַנט אַ מענטש, אַ דראַנג, אַ געראַנגל, אַט — דין, צאַרט, סובטעל, און אַט אויך — האַרב, שטאַ־ליק, שאַרף, שניידיק. ער איז אַ באַלעבאָס אויף דער שפּראַך, ער קאָן זי שפּאַנען און לאָזט זיך נישט מיטרייסן פון ווערטער, בילדער, אי־מאַזשן, מעטאַפאָרן, מליצהדיקע אויסדרוקן, ווי מיר טרעפן עס אין אַ גאַנץ־גרויסער מאָס ביי אייניקע פון זיינע פאָרגייער, די זייער־טאַלענטפולע, אָבער שטאַרק־באַרעדעוודיקע „יונג־ווילנער".

ס'איז זיכער אינטערעסאַנט זיין נאָענטע פריינטשאַפט און פאַר־ערונג פאַר לייזער וואָלפן, איינער פון די אָריגינעלע „יונג־ווילנער". פּרץ מיראַנסקי שרייבט מיר אין זיין בריוו: „הירש גליק איז געווען שטאַרק באַאיינפלוסט פון אים, פאַר וועמענס תלמיד ער האָט זיך תמיד געהאַלטן". זיין נאָענטע פריינטשאַפט צו דעם בצימצומדיקן לי־ריקער־עפּיקער לייזער וואָלף איז אים וואוילבאַקומען.

הירש גליק, ווי מיר זעען פון די אומבאַקאַנטע ביז־אַהער לידער, איז צילאַנגעווענדט. זיין יעדעס ליד האָט אַ מיין, אַ קלאָרע כוונה, ער פירט און דערפירט דורך געציילטע, געטאָקטע שורות צו דעם געווינטשטן ציל. זיין יעדעס ליד, ווי גרויס אָדער קליין עס איז נישט, האָט אַן אָנהויב מיט אַ סוף. ער דערגרייכט עס דורך אַרויס־ברענגען און באַטאָנען קאָנטראַסטן, דורך אַ געראַנגל, וואָס פאַר־ענדיקט זיך מיט אַן איבערבראָך, און אָפט — ווערט דאָס ליד באַגלייט מיט אַ מוסר־השכל, שיר נישט ווי אין אַ פאַבל.

מיר באַמערקן אין די צען לידער אַ כסדרדיקע שטייגערונג, אַ בפירושע אַלצמער־וואַקסנדיקע רייפקייט. די צען לידער, וואָס זיינען פאַרעפנטלעכט אין אַזאַ קורצן צייט־אָפּשניט זיינען פון אַ פאַרשיידנ־אַרטיקן כאַראַקטער און אינהאַלט. פון סתם אַזוי טרוימען („אַמאָל" — „איך האָב אַמאָל געטרוימט") קומט גלייך דאָס פּרעכטיקע, טרעפ־לעכע ליד „זעקס וועלף", וואָס ברענגט אַרויס דאָס האַרבע לעבן פון זיין פאָטער, פון זייער הויז, אויף וועמען עס רוקן זיך די זעקס

וואַכעדיקע טעג ווי זעקס וועלף. און גלייך — אַ שפּרונג פון זיין אינעווייניקסטער טרוימערישער וועלט און פון זיין אָרעמער היים צו דער מעכטיקער שמשון הגיבור־געשטאַלט, ווען יענער איז בלינד, שטום און מאַכטלאָז. אָבער נישט די געפאַלנקייט און דערשלאָגנקייט פון שמשון, וועלכער איז אַרומגערינגלט פון אַ ווילדער מאַסע, וואָס חוזקט פון אים, איז דאָ דער עיקר. הירש גליקן פאַרכאַפּט דער מאָ־מענט, ווען „ס׳קערט זיך אום (צו שמשונען) דער אַמאָליקער כוח" און „נאָך אַמאָל באַצויבערט ער מיט זיין מאַכטיקן באַנייטן גלויבן"... און דאָס יונגע יידישע בחורל פון שניפּישאָק פאַרגלייכט זיך מיטן לעגענדאַרישן ביבלישן העלד. ערגעץ־וואו האָט ער שוין, משמעות, געאַנט, אַז ס׳קומט אַ צייט, ווען מ׳וועט זיך נויטיקן אין כוח, אין גלויבן. ער רופט אויס, הירש גליק:

> אָ, העלד! צו דיר מיינע גרעסטע לויבן!
> איך שטיי ווי דו מיט געקאָוועטע הענט,
> נאָר ס׳טליעט אַ פונק פון לעצטן גלויבן,
> און אונטער מיר דער שייטער ברענט... („שמשון").

דאָס ליד „שמשון", לאָמיר נישט פאַרגעסן, איז פאַרעפנטלעכט אין פעברואַר 1939, — געשריבן איז עס אפשר נאָך פריער, איידער די היטלעריסטישע באַנדעס האָבן זיך געלאָזט אויף פּוילן. אָבער שוין דאַן האָט גליק זיך אָנגעשמידט מיט מוט און פאַרזיכערט, אַז „פרעמד איז אים די שרעק" און ער האָט געוואָרנט די וועלט, וואָס ווי די „ווילדע סטאַדע אַרום העלד", פאַרמעסט זי זיך אויף אים, דעם יונגעטשקן בחורל, אַז „אויב ער וועט אַוועק, וועט ער מיטשלעפּן זי, די זיבדיקע וועלט, אין קבר אריין"... לוידער, איצט, אַ פערצן יאָר, ווי די ווערטער זיינען פאַרעפנטלעכט געוואָרן, ווייסן מיר אַפילו נישט, וואו דער קבר פונעם אומגעקומענעם דיכטער געפינט זיך...

אינעם פערטן ליד, „דאָס אויג", פאַרנעמט זיך הירש גליק אויף נייע דיכטערישע וועגן. ער שלאָגט אָן אין העכערע עולמות. „פאַראַן אַזאַ אויג, וואָס וואַכט אויף אונדז אַלע", — זאָל עס זיין גורל, מזל, באַ־שערטקייט אָדער גאָר — אייגענער געוויסן. עס איבערראַשן אונדז ווידער די געציילטע, געטאָקטע שורות, וואָס ברענגען אַרויס די באַבע, אים גופא און זיין אויסקוק אויפן באַגינען. דער געראַנגל פון נאַכט און פרימאָרגן, פון פינצטערניש און ליכטיקייט, און ווידער־אַמאָל —

די באַטאָנונג, אַז מ׳מוז זיין וואַך, ווייל ווי נאָר דאָס אויג „לאָזט אַראָפּ אַ וויע... דאַן לאָזט זיך אַראָפּ די נאַכט"...

און אַ נייער דיכטערישער שפּאַן, — דער שאַרפער מענטשלעך־סאָציאַלער מאָטיוו, וואָס באַגלייט דאָס גלענצנדיק ליד „דער אייביקער ניגון", וואו עפּיק פּאָרט זיך מיט ליריק, וואו באַלאַדע מישט זיך מיט רעאַליסטישער מאַלעריי. שפּילעוודיקע שורות בייטן זיך מיט שאַרפע און סענטימענטאַלע אויסדרוקן — מיט איראָניש־סאַרקאַסטישע פּאַראַלעלן און קאָנטראַסטן: קלויסטער און בעטלער, זומער און בעטלער, אייביקייט און פאַרגענגלעכקייט, קלויסטער־גלאָק און בעטלער־גיטאַרע. און „אַמאָל האָט ער (דער בעטלער) פיס געהאַט", האָט „ער זיי אין מלחמה פאַרגעסן", און „אַמאָל האָט ער אויגן געהאַט", האָט „גאָט ניט פאַרגונען און זיי פאַרלאָשן"... און לסוף — שוין ניטאָ דער בעטלער, „זיין אָרט אַרום קלויסטער איז פריי", אָבער דער דיכטער, ווען ער „גייט דעם קלויסטער פאַרביי", פאַרנעמט נאָך אַלץ „דעם אַלטנס (בעטלערס) ניגונים"...

אגב, ניגון, געזאַנג איז אין אייניקע גליק־לידער אַ וויכטיקער עלעמענט: זיין פּאָעטער „זינגט אונטער מיט אַ תהלים־ניגון" („זעקס וועלף"), עס „זינגט אין אים אַיעדער אבר" („שמשון"), זיין מאַמע „זינגט האַרציק ווי אין אַ תחינה" („וויגט די מאַמע מיך און זינגט"), און „אין דער לופטן — הענגען נאָטן / און זיי זינגען זיך אַליין" („בלאָע זאַמד")... אַזוי איז דער ניגון, דאָס ליד, דאָס געזאַנג געגאַנגען מיט דיכטער, געוואַנדלט און איבערגעוואַנדלט און דערנאָך געבראַכט געוואָרן דורך אים אין דעם פּרעכטיקן פּערטן פּערז פון זיין אומשטערבלעך „זאָג נישט קיינמאָל":

„געשריבן איז דאָס ליד מיט בלוט און מיט בליי,
ס׳איז נישט קיין ליד פון אַ פויגל אויף דער פריי,
נאָר ס׳האָט אַ פאָלק צווישן פאַלנדיקע ווענט
דאָס ליד געזונגען מיט נאַגאַנעס אין די הענט".

דער גלגול פון אַ ניגון! די איבערוואַנדלונג פון אַ געזאַנג!

דאָס זעקסטע ליד („וויגט די מאַמע מיך און זינגט") איז אַ גאָר נייע און אייגנאַרטיקע וואַריאַציע אויף אַ וויג־ליד. דאָס איז נישט קיין ליד, וואָס די האַרציקע מאַמע זינגט צו איר קינד אין וויגל, נאָר אַ מין „דיאַלאָג", אַ גערանגל פון קינד און מוטער. זי, די מאַמע, וויל

דאָס קינד פֿאַרוויגן, איינשטילן, און דאָס קינד רייסט זיך פֿון דער מאַמעס שויס, ווייל נישט איינליגן, ווייל עס „פּאַסט אים נישט צו ליגן", „אויב ס'איז אים באַשערט צו זיין גרויס". ערנסט און שפּאַס, גוט־מוטיקייט און פֿאַראיבל שפּילן זיך דאָ אַזוי פֿיין!

אינעם זיבעטן ליד („הוסייני טשעבי אָגלי") קומט אַרויס פֿאַר אונדז דער יונגער הירש גליק ווי אַ פּרעכטיקער מאַלער. אין זיין שילדערן דעם איינזאַמען טערק אין ווילנע אויף דער קאַלעיִאַווער גאַס, אַרום דער באַן, געבערויכט ער, ווי אַן עכטער מאַלער, פֿרישע קאָלירן, פֿאַרבן און דערביי געבערויכט ער אַ רעאַליסטיש־נאַטוראַליס־טישן „רעקוויזיט". אָריענט־חפֿצים מישן זיך דאָ מיט אַרומיקע געגנ־שטאַנדן. און די טרעפֿלעכע פֿאַרגלייכן: „ווי אין הקדש־גאַס אַ פּאַלמע־בוים", „ווי אַ וואַלפֿיש אין ווילנע"! (אַ טייך אין ווילנע — נ. מ.). און דער „פּאַלמע־בוים" — מיר האָבן אים דערנאָך אינעם ליד „זאָג נישט קיינמאָל" — „פֿון גרינעם פּאַלמענלאַנד..."

די צוויי לעצטע לידער זיינען געדרוקט אין „יונגוואַלד", אַפּריל, 1939. דאָס אַכטע ליד („די נאַכט פֿון סעפּטעמבער 1939") איז פֿאַר־עפֿנטלעכט דעם 6טן סעפּטעמבער, 1940, אינצווישן אַן איבערייס פֿון אַן אַנדערטהאַלבן יאָר. הירש גליק האָט זיכער פֿאַר דער צייט גע־שריבן פֿיל לידער, — איז ער דאָך געווען אַ טרייער תּלמיד פֿון לייזער וואָלפֿן און זיין טיפֿער פֿאַרערער, און לייזער וואָלף האָט אָנהויב 1939 זיך פֿאַרמאָסטן אויף אַ וועלט־רעקאָרד, און אין אַ קורצער צייט אָנ־געשריבן 1,001 לידער. פּרץ מיראַנסקי דערציילט, ווען ער איז גע־קומען פּסח־צייט 1941 קיין ווילנע, האָט אים הירש גליק „געוויזן אַ פּאַק לידער, געגנוג פֿאַר צוויי ביכער".

עס איז געווען אַן אויסטערלישע, גרויליקע און ברויזנדיקע צייט. הירש גליק איז מיטגעריסן געוואָרן מיט די געשעענישן, און ווי יונג ער איז נישט געווען, האָט ער אויף אַ טיפֿן אופֿן אויפֿגענומען די פּאַ־סירונגען. אַן עדות איז דאָס איבעררופֿן זיך מיט זיין מורה־דרך, וועמען ער פֿאַרערט אַזוי שטאַרק, דורך זיין ליד, וואָס גליק שרייבט אַן נאָך דעם, ווי ער לייענט איבער לייזער וואָלפֿס אַ סאָנעט אין „ווילנער עמעס" נומ' 8 (פֿונעם 29טן אויגוסט, 1939). זיין ליד „די נאַכט פֿון סעפּטעמבער 1939" ווידמעט הירש גליק טאַקע לייזער וואָלפֿן, מיט וועמען ער האָט צוזאַמען איבערגעלעבט און אַדורכגע־פֿיבערט די אויסטערלישע נאַכט, ווען די „ווייס־פּאָליאַקישע חיילות"

זיינען „אין בהלה אָפּגעטראָטן“ און עס האָט באַדאַרפט אַריינקומען די רויטע אַרמיי.

אָט איז לייזער וואָלפּס סאָנעט:

אָ, שטילע, ווילנע, מיין געבורטשטאָט,
דיין שטילער טייך איז מיין געמיט;
מיין יונגשטאָט, וואָס ווי אַ גורט, האָט
אַ קייט פון היגלען דיך געהיט.

וואו מיינע בענקענדיקע טריט
געשליפן האָבן דיינע שטיינער,
און וואו פאַרשטאַנען האָט מיך איינער:
דיין שטילער ווי, מער קיינער ניט.

איצט ביסטו געהיילט, באַנייט,
איך הער דיין פרייד־געררויש פון ווייטן,
איך זע דעם שמייכל דעם באַפרייטן

פון דיינע בלייכע יונגעלייט,
וואָס האָבן לאַנג אין טונקלקייט
געטרוימט ווי רויטאַרמייער רייטן.

מיר ווערן טיף איבערראַשט פון הירש גליקס ליד, וואָס איז אָנגערעגט פון דעם „סאָנעט“ און וואָס וואַקסט אויס פון „אַ דערמאָנונג“ אין אַ פּרעכטיקער שילדערונג פון דעם געמיט־צושטאַנד פונעם יונגן טאַלענטפולן פּאָעט. אין פּרעכטיקע שורות ברענגט ער אַרויס זיין אייגענע שטימונג, דעם אינעווייניקסטן אויפברויז, די אויסטערלישע שפּאַנונג און גלייכצייטיק די דערוואַרטונג פונעם פאָלק, ביי ווען עס „פלאַצט דאָס געוויין פון צוואַנציק יאָרן“. ס'איז אַ ליד פון אַ גרויסן דיכטער, מיט צילאַנגעווענדקייט און טיפער אחריות פאַרן וואָרט, פאַרן אויסדרוק, פאַרן ווייטערדיקן אויסבליק!

אויך אין אָט דעם ליד האָבן מיר די באַליבטע ווערטער, אויסדרוקן, וואָס מיר טרעפן ביי הירש גליקן שפּעטער: „דער רעגן גיסט און גיסט און קאָן די בלוט־פלעקן אַלץ נישט פאַרשווענקען“. אין זיין „זאָג נישט קיינמאָל“ דריקט ער עס אויס אַנדערש: „און וואו גע־

פאַלן איז אַ שפּריץ פון אונדזער בלוט"... דאָ, אין דעם ליד „די נאַכט פון סעפּטעמבער 1939" רעדט ער וועגן גואל, וואָס „וועט אַריינקומען מיטן באַגינען" און אין זיין „זאָג נישט קיינמאָל" — „ס'וועט די מאָרגן־זון באַגילדן אונדז דעם היינט"...

דאָס ביינטע ליד „דער נאַראַטש ברויזט" („ווילנער עמעס", דעם 13טן נאָוועמבער, 1940) איז, משמעות, אָנגעשריבן פריער. מיר זעען עס פון דעם דיכטערס שטימונג און פון דער האַרבער וואָר, וואָס ווערט אַרויסגעבראַכט אינעם ליד. מערקווירדיק, אַט דאָס יונגע יידיש בחורל פון ווילנער שניפּישאָק, אַ תּלמיד פון אַ „מפיצי־השכלה"־שולע און אַ קינד פון רעליגיעז־יידישלעכע עלטערן, מאָלט אין איין ליד, אין אַ צווייטן, דריטן, פערטן אַלץ נישט־יידישע געשטאַלטן, נישט־יידישע אָרעמקייט און בעיקר סצענעס פונעם אַלגעמיינעם פאָלקס־לעבן. אונדזערע יידישע יונגע דיכטער אין פוילן (איבערהויפּט — די ווילנער קלמן ליס און ברוך אָליצקי, —ביידע אויך טראַגיש־אומגעבראַכטע דורך די דייטשישע בעסטיעס!) האָבן מיט אַ באַזונדערער בראַוואַדעשקייט און איבערגעטריבענער פּאַרגאַפונג געמאָלט די געזונטקייט, לוסטיקייט און בעל־גופישקייט פון זייערע נישט־יידישע שכנים און באַזונדערס האָבן זיי אַרויסגעבראַכט די דאָרפישע שיקסעס. ווי אַנדערש פּאַסט־אויף דער יונגער ווילנער הירש גליק דאָס האַרבע, גרויע, טרויעריקע און געשפּאַנטע לעבן פון ווייסרוסישע פויערן־פישער אַרום דער אָזערע נאַראַטש. דעם דיכטער האָט „אומרו צום נאַראַטש פאַרטראָגן", וואו ער האָט געהאָפט, אַז „די כוואַליעס וועלן אים פאַרוויגן". אָבער ער טרעפט זיך אָן אויף טרויעריקע בילדער און סצענעס, אויף אָרעמקייט, אויף צערייצטקייט, אויף אימה, וואָס לויערט פון אַלע זייטן...

נישט געקוקט אָבער אויף די גרויליקע בילדער, נישט געקוקט אויף דעם טרויער, וואָס הענגט אין דער שווערער לופט, פילט זיך שוין דער אָנזאָג פון אַ ניי לעבן, און דאָס האַרבע רעאַלע ליד ווערט פאַרענדיקט מיט די אויפברויזנדיקע שורות:

„און ווען אַלץ איז געלעגן אין נעפּל פאַרהילט —
האָט דעם חושך געשפּאָלטן אַ בליץ ווי אַ פאָן — — —
ביים נאַראַטש־ברעג האָב איך דאַן נאָך דערפילט,
ווייסרוסלאַנד דערוואַכט, איר גואל קומט אָן!"

ווידעראַמאַל אַן אַנזאַג אויף די שפּעטערדיקע שורות אין „זאָג נישט קיינמאָל" — ווען „הימלען בלייענע פאַרשטעלן בלויע טעג", „וועט קומען נאָך אונדזער אויסגעבענקטע שעה"...

אַ טיף־אָריגינעל און דיכטעריש־מייסטעריש ליד איז דער מין אַקוואַרעל „בלאָע זאַמד", וואו רייפע בילדער, ווי צייטיקע פּרוכט, פאַלן פונעם יונגן דיכטער־בוים. די עטלעכע פּערזן זאָגן עדות וועגן אַ פאַרשיידנקאָלירנדיקן טאַלאַנט, וואָס דער יונג־פאַרשניטענער הירש גליק האָט פאַרמאָגט.

די פּאָעמע „די באַלאַדע פון ברוינעם טעאַטער" (ספּעקטאַקל אין לוקישקער טורמע), וואָס מיר גיבן דאָ אין בוך איז צום ערשטן מאָל פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין תל־אביבער „גאָלדענע קייט" (1949, נ. 4).

אין דער נאָטיץ, וואָס קומט נאָך דער „באַלאַדע", שרייבט צווישן אַנדערן א. ס. (א. סוצקעווער):

„...פאַר לייזער וואָלפן, פּרץ מיראַנסקין און א. סוצקעווערן (זיי אַלע האָבן געוואוינט אויף גרויס־שניפּישאָק) פלעגט גליק פאָרלייענען זיינע ערשטע לידער, וואָס האָבן גלייך אַן אָטעם געטאָן מיט אַ פרישן, אומגעצוימטן כוח און אָנגעזאָגט אַן עכטן, דיכטערישן טאַלאַנט... אין יאָר 1940 האָט דער יונגער דיכטער איבערראַשט זיינע חברים מיט אַ גאַנצער ריי נייע קרעפטיקע לידער און פּאָעמעס". א. סוצקעווער דערמאָנט דאָ נאָך לידער: „דער פויער", „בלאָע צייכנס" [אפשר איז עס דאָס יידישע ליד „בלאָע זאַמד", וואָס ווערט איצט געדרוקט. — נ. מ.], „צו ווילנע"... „אין די אָקופּאַציע־יאָרן האָט ער פיל געשריבן און פון מאָל־צו־מאָל איז געוואָרן זיין טאַלענט אַלץ־מעכטיקער. דער פאַרבאַנד פון ליטעראַטן און קינסטלער אין ווילנער געטאָ האָט אים צוויי מאָל פּרעמירט, פאַר אַ דראַמע וועגן לעבן פון די ווילנער יידן אין די טאָרף־גריבער פון רעשע און פאַר דער „באַלאַדע פון ברוינעם טעאַטער"... אין לאַגער נאַרווע, וואו הירש גליק איז געווען, האָט ער געהאַט אָנגעשריבן, ווי עס דערציילן געראַטעוועטע, אַ גרויסע פּאָעמע אונטערן נאָמען „דער גיהינום אַרום לענינגראַד" (א. ס. — „די גאָלדענע קייט", נומ' 4, ז"ז 180־181).

אייניקע האָבן געצווייפלט, צי די „באַלאַדע פונעם ברוינעם טעאַטער" געהערט טאַקע צו הירש גליקן, ווייל ס'איז נישט אינעם כאַראַקטער פון הירש גליקס שאַפן. איך האָב אָנגעפרעגט ביי א. סוצקעווער, שרייבט ער מיר (אין זיין בריוו פונעם 19טן יולי, 1952), אַז „די באַלאַדע פון ברוינעם טעאַטער" איז הונדערט פּראָצענט פון

ה. גליק. איך האָב אַליין געהערט, ווי ער האָט עס פאַרגעלייענט אין ווילנער געטאָ".

און ווייטער שרייבט א. ס. אין דער נאָטיץ נאָך דער „באַלאַדע":

„די באַלאַדע פון ברוינעם טעאַטער", געשריבן אין ווילנער געטאָ אָנהייב 1943, האָט הירש גליק אַריינגעשיקט אונטערן פסעוודאָנים טופּמאַן פאַרן לידער־קאָנקורס ביים פאַרבאַנד פון ליטעראַטן און קינסט־לער. די קאַשמאַריקע באַלאַדע גיט אונדז איבער דעם ערב־טויט־געראַנגל פון די יידן אין לוקישקער טורמע, איידער מ'האָט זיי אָפּ־געפירט אויף די שחיטה־פעלדער פון פּאָנאַר".

די באַלאַדע האָט „אבא קאָוונער געפונען אין ווילנע, נאָך דער באַפרייאונג, צווישן די אויפגעגראָבענע קולטור־אוצרות" (ז' 181).

מען קאָן זיך לייכט פאַרשטעלן ווי די מוראדיקע פּאַסירונגען און די דערנידערנדיקע ווילקיר־אַקציעס פון די דייטשישע קאַניבאַלן און זייערע טרייע אַרויסהעלפער האָבן אויפגעטרייסלט און אויפגע־שוידערט דעם יונגן עמפּינדלעכן הירש גליק, וועמען ס'איז באַשערט געווען צו זיין אין דער מיט פון דער טראַגיק און העראָאיק אין דער ווילנער געטאָ. אַ באַווייז — זיינע פאַרשיידענע טראַגיש־העראָאישע ווערק, וואָס זיינען געשאַפן געוואָרן דורך אים אין דער געטאָ, אין די פייניקונגס־פּלעצער און זיינען דורך אים, דעם יונגעטשקן דיכטער, גלייך געבראַכט געוואָרן צו זיינע מיטליידנדיקע און מיטקעמפער. צו אונדזער צער זיינען פאַרלוירן געגאַנגען פיל פון זיינע ווערק, וואָס ער האָט אין יענער גורלפולער און גרויליקער צייט געשאַפן. ס'איז פאַרבליבן בלויז די „באַלאַדע פון ברוינעם טעאַטער", וואָס ער רופט אָן סאַרקאַסטיש און מיט ביטערקייט „ספּעקטאַקל אין לוקישקער טורמע", וואָס, ווי ביי פּרצן אין זיין קהלת־דראַמע „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק", פיגורירן און באַטייליקן זיך טויטע און לעבעדיקע, און ס'איז נישטאָ דאָ קיין שום דיסטאַנץ, קיין שום אונטערשייד צווישן טויט און לעבן.

דער צאַרטער, טרוימערישער און רעאַליסטישער דיכטער באַקומט שוין דאָ, אין דער באַלאַדע, אַן אַנדער לשון. ווילדע, שרעקעוודיקע, שוידערנדיקע בילדער און האַלוציאַנציעס טוישן זיך כסדר אין דער צעווייטיקטער, צעפּאַלמעסטער באַלאַדע־וויזיע. אַנשטאָט פייגל, וואָס אויף דראָטן זינגען זיי ווי אויף הענגענדיקע נאָטן (אין זיין ליד „בלאָע זאַמד"), מעסערט שוין דאָ גאָר אַ וואָראָנע, און ס'פּלאַטערט אויף אַ שוואַרצע פאָנע... הירש גליק רופט צו דער וועלט, זי זאָל אָנשטעלן

איר טויבן אויער און אויסהערן די באַלאַדע פון דער גרויזאַמער דראַ־מע, וואָס שפּילט זיך אָפּ „הינטער ווענט און הינטער גראַטן"... און ווי משונהדיק און אויף צו־להכעיסדיק עס טוישן זיך דאָ בכיון דער־הויבענע ווערטער מיט גראָבע רייד. מיר זעען דאָ, ווי פונעם צאַרטן יינגל, וואָס האָט ערשט געהאַלטן ביי „שיר השירים", רייסן זיך דורך בייזע איוב־לעסטערונגען און דאנטע־שגעונות. און ווי די ווערטער, די פּראָזן זיינען דאָ אַנגעגליטע, פאַרשפּיצטע. רעאַליסטישער גרויל גע־מישט מיט קאָשמאַר־וויזיעס.

דאָס ווייטערדיקע ליד „שטיל די נאַכט איז אויסגעשטערנט", איז, ווי ש. קאַטשערגינסקי דערציילט אינעם בוך „דאָס געזאַנג פון ווילנער געטאָ", „געשריבן געוואָרן נאָך דעם ערשטן דיווערסיע־אַקט פון די פּאַרטיזאַנער פון דער ווילנער געטאָ איציק מאַצקעוויטש און וויטקע קעמפּנער, וועלכע האָבן הינטער ווילנע אין 1942 אויפגעריסן אַ דייטשישן עשעלאָן" (ז' 47).

אבא קאָוונער, אין זיין בריוו צו מיר, באַשטעטיקט, אַז דאָס דאָזיקע ליד האָט ה. גליק געווידמעט וויטקען.

דאָס פּרעכטיקע ליד „דאָס זאַנגל" האָט ה. גליק אָנגעשריבן אין וואַלד (1943) ביי רעשע, לעבן ווילנע, וואו ער האָט געאַרבעט ביי טאָרף (דאָרט, ז' 48).

מ'דאַרף שטוינען, ווי אין דער געטאָ־אַטמאָספער און אין דעם גרויליקן צושטאַנד האָט הירש גליק, דאָס יונגע בחורל, אַרויסגעשטיפּט אַזאַ פריידיק און לוסטיק ליד! פּאַרט יוגנט!

און איצט קומען מיר צום ליד, וואָס איז געוואָרן אַ נאַציאָנאַלער יידישער הימן, צו „זאָג נישט קיינמאָל, אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג".

4

וואָס שייך הירש גליקס באַרימט געוואָרן ליד „זאָג נישט קיינמאָל" און וועגן די פּרטים, ווי ער האָט עס אָנגעשריבן און ווי עס איז געוואָרן אַ הימן, האָבן מיר פיל מאַטעריאַל, אָפּטמאָל — גאַנץ ווידערשפּרעכנדיקן.

ש. קאַטשערגינסקי שרייבט (אין זיין בוך „איך בין געווען אַ פּאַרטיזאַנער"): „אין אַפּריל 1943 האָבן זיך אין ווילנער געטאָ, וואו די לאַגע איז געוואָרן אַלץ מוראדיקער, אָנגעהויבן אַדורכרייסן ידיעות וועגן דעם אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ. מ'האָט געהערט, אַז דאָרטן, אין וואַרשע, האָט זיך פאַנאַנדערגעפלאַקערט אַ קאַמף, מער אויף טויט ווי אויף לעבן, מיט די נישט־גלייכע כּוחות פון די דייטשישע מערדער... די ידיעות האָבן צוגעגעבן מוט די פאַרשמאַכטע פאַרבליבענע יידן". און ש. קאַטשערגינסקי דערציילט ווייטער, אַז אינעם שאוולער געסל איז איינגעאָרדנט געוואָרן אין דער נאַכט פונעם ערשטן מאַי (1943) אַן אָוונט א. נ. „פרילינג אין דער יידישער ליטעראַטור". „פרילינג" האָט געמיינט דער ערשטער מאַי, און די הונדערטער באַזוכער זיינען טאַקע געקומען צו פייערן דעם אַרבעטער־יום־טוב אין געטאָ. און דאַן, ווען מ'האָט גלייכצייטיק אויך געפייערט דעם העראָאישן גערנגל פון די וואַרשעווער קעמפער איז צוגעקומען צו אים הירש גליק און איבערגעגעבן אים, אַז ער האָט אָנגעשריבן אַ „ניי ליד, וואָס זינגט זיך". און „אויף מאָרגן איז הירשקע גאַנץ פרי געקומען און געזאָגט: — אָבער הער גוט צו, איך וועל דאָס גלייך זינגען. שטיל האָט ער אָנגעהויבן זינגען, אָבער פלאַמיק, מיט האַרץ. די אויגן האָבן זיך צעגלאַנצט און פייערלעך: „קומען וועט נאָך אונדזער אויסגעבענקטע שעה"... און „זיכער האַמערט ער די ווערטער אויס, קלאַפּט צו מיט אַ פוס, ווי ער וואָלט איצט אין מאַרש גע־

גאַנגען: „דאָס האָט אַ פאָלק צווישן פּאַלענדיקע ווענט דאָס ליד געזונגען מיט נאַגאַנעס אין די הענט״... „איך האָב דערפילט — שרייבט ש. ק. — אין די ווערטער דעם רושם, וואָס דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ האָט געמאַכט אויף אים״. ש. ק. דערציילט: „דער שטאַב פון דער פּאַרטיזאַנער־אָרגאַניזאַציע אין געטאָ האָט באַשלאָסן, דאָס ליד זאָל ווערן אַ הימן פון די קעמפער. מען האָט שוין אָבער נישט געדאַרפט וואַרטן אויף אַ באַשלוס, — דאָס ליד איז גיך פאַרשפּרייט געוואָרן אין געטאָ״... „דאָס יינגל האָט גענומען אַ קאָזאַקן־מעלאָדיע און אַזוי וואונדערלעך אַריינגעפּאַסט זיינע ווערטער, אַז עס קומט אויס, אַז קיין אַנדער ניגון האָט נישט געקאָנט זיין צו אַזעלכע ווערטער, און קיין אַנדערע ווערטער האָבן נישט געקאָנט זיין צו אַזאַ ניגון״. (ז׳ 109).

אַנדערע, נאָענטע פון הירש גליק, גיבן איבער אַנדערע פּרטים וועגן דעם געבוירן פונעם ליד.

אבא קאָוונער, דער קאָמאַנדיר פון דער פאַראייניקטער פּאַרטיזאַנער־אָרגאַניזאַציע אין ווילנער געטאָ נאָכן טראַגישן טויט פון איציק וויטענבערג, שרייבט מיר (אין אַ בריוו פון עין־החורש, דעם 20טן יולי, 1952): „הירש גליק איז פאַרן קריג געווען אַ געוויסע צייט מיינער אַ חניך (אַ שילער) אין „השומר הצעיר״ אין ווילנע. שפּעטער איז ער געווען אַ מיטגליד אין קאָמסאָמאָל און דורכן קאָמסאָמאָל־קעמערל איז ער אַריינגעטראָטן אין פ. פ. א.״.

ווייטער שרייבט אבא קאָוונער אינעם בריוו: ...דאָס ליד „זאָג ניט קיינמאָל״ איז ניט אָנגעשריבן געוואָרן ווי ש. קאַטשערגינסקי גיט איבער, אונטערן איינדרוק פון דער שלאַכט פון דער פּאַרטיזאַנער גרופּע א. א. וו. און ניט אונטערן איינדרוק פון וואַרשע א. א. וו. נאָר פיל פריער. איך געדענק גענוי: צום יאָרטאָג פון דער גרינדונג פון דער פ. פ. א. (דעם 4טן יאַנואַר 1943) האָבן מיר באַשלאָסן, אַז דאָס ליד זאָל זיין אונדזער הימן. זיצנדיק אין שטאַב האָט איינער פון די חברים דערציילט, אַז אין דער אָרגאַניזאַציע זינגט מען אַן איינדרוקספול ליד פון הירש גליק און דעם זעלבן אָוונט האָט מען עס געבראַכט אין שטאַב, און דאָס ליד האָט ביי אַלעמען אויסגענומען און אַזוי איז „זאָג ניט קיינמאָל״ פאַרוואַנדלט געוואָרן אין דעם פּאַרטיזאַנען־הימן. הירש גליק איז דאַן געווען אַ יונגער מיטגליד אין דער אונטערערדישער אָרגאַניזאַציע און איז שטאַרק געווען אונטערן איינדרוק פון דער אידעע. ס׳איז פאַרשטענדלעך, אַז די ערשטע דיווערסיע

אויף דער באַן־ליניע (זע: רוז׳קע „להבות באפר״) האָט אַ חלק אין דער שאַפונג״.

און אַט איז נאָך אַן אַנדערע געשיכטע וועגן דעם ליד.

אין די „ייוואָ־בלעטער״ (נומער 2, באַנד 30, 1947, ניו־יאָרק) אין אַן אָפּהאַנדלונג „דער וויטענבערג־טאָג אין ווילנער געטאָ״ (ז״ז 188־213) ווערן געבראַכט פאַרשיידענע אויפשווידערנדיקע זכרונות, דער־ציילונגען פון עדי־ראיה וועגן דעם, ווי דער קאָמענדאַנט, דער העלד־מאַרטירער איציק וויטענבערג האָט זיך איבערגעגעבן צו די דייטשישע מערדער אין די הענט דעם 16טן יולי, 1943.

ושעניא בערקאַן דערציילט (ז״ז 205־211):

„אַ טאָג פאַר דער קאַטאַסטראָפע [דעם 15טן יולי] האָט זיך נאָך סאָניע מאַדייסקער אַרויפגעכאַפּט אין דעם צימערל און אָפּגע־געבן אַ באַריכט, וואָס עס טוט זיך אין און מחוץ דער [ווילנער] געטאָ. איך בין אויך געווען דערביי. סאָניע האָט יענעם טאָג געבראַכט אונ־דזער היינטיקן הימן: „זאָג נישט קיינמאָל, אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג״ און צום ערשטן מאָל עס אויסגעזונגען. דאָס איז געווען נאָך איידער דאָס ליד האָט זיך באַוויזן אין געטאָ. וועלנדיק איציקן (ווי־טענבערגן) דערפרייען, האָט דער מחבר, הירש גליק, מיטגעגעבן סאָניען דאָס ליד, זי זאָל דאָס אויפזינגען אונדזער קאָמענדאַנט. און אַזוי זיצנדיק אַלע דריי אויף דער נאַרע, האָבן מיר זיך געצוואונגען זיין אין אַן אַנדער וועלט און געפּרואווט לערנען דאָס ליד. איך דערמאָן זיך אָבער, אַז איציקן האָט די שטים ניט געדינט, און אַז זיינע אויגן האָבן פייכט געגלאַנצט״ (ז״ז 208־209).

אין דעם העברייאישן זאַמלבוך „דפים לחקר השואה והמרד״ (ב׳ 1, ז׳ 215), וואָס עס גיט אַרויס דער יצחק קאַצענעלסאָן־מוזיי (בים קיבוץ „לוחמי הגיטאות״) ברענגט נ. ב. [נחמן בלומענטאַל] אין זיין אַרטיקל וועגן ס׳איז געשריבן געוואָרן הירש גליקס ליד „זאָג נישט קיינמאָל״, אַן אויסצוג פון חיים לזרס (ליטאַי) בוך „חורבן ומרד״, וואו ס׳ווערט אַט־וואָס דערציילט:

„אין לויף פון די צוויי וואָכן, וואָס יוסף (גלאַזמאַן) האָט פאַר־בראַכט אין רעשע, האָט ער זיך באַפריינדעט מיט אַ יונגן דיכטער הירש גליק. אַ לאַנגע צייט האָבן זיי געשמועסט וועגן ווידערשטאַנד און וועגן נקמה־אַקטן, וואָס מ׳דאַרף אָרגאַניזירן קעגן דעם שונא. אַז יוסף האָט זיך ווידער געפונען צווישן זיינע חברים, האָט ער פון זיין טאַש אַרויסגעצויגן אַ שטיקל גרוי און צעקנייטשט פּאַפּיר און גע־

זאָגט: „דאָס איז אַ מתּנה, וואָס כ'האָב געקראָגן פון הירש גליק', אויפן פּאַפּיר איז געווען געשריבן: „ווידערשטאַנד־ליד, געווידמעט מיין פריינט יוסף גלאַזמאַן, וואָס האָט מיר געעפנט די אויגן צו דערזען דעם אמת און מיך געלערנט צו גיין אויף ריכטיקע וועגן'. די אָנפירערשאַפט („מטה") האָט באַשלאָסן, אַז דער שיר זאָל זיין דער הימן פון דער אָרגאַניזאַציע. אין עטלעכע טעג אַרום ציטערן שוין דעם לידס טענער „זאָג נישט קיינמאָל, אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג" אין דער געטאָ. הונדערטער און טויזנטער יידן געפינען אין אָט־דעם ליד אַן אויסדרוק פאַר זייערע געפילן, וואָס זיינען ביז אַהער געווען פאַרבאָרגן אין די טיפענישן פון זייערע הערצער" (ז' 121).

וואָס דאָס ליד „זאָג נישט קיינמאָל" האָט באַדייט אין יענע גרויליקע טעג פאַר די קעמפער אין געטאָ דערציילט אונדז רוזשקע (רייזל קאָרטשאַק) אין איר העברייאישן בוך „להבות באפר" (פלאַמען אין אַש): „דער כח פון דער אָרגאַניזאַציע (פון די פּאַרטיזאַנען) איז געוואַקסן. זיינע רייען זיינען אַלץ מער געשלאָסן געוואָרן. דער חבר איז געקרעפטיקט געוואָרן דורך זיין טאָג־טעגלעכן קאַמף. און כאָטש עס זיינען שווער געווען פאַר אונדז די טעג און מיר האָבן גוט געוואוסט, אַז נאָך אַ שווערערע צייט וואַרט אויף אונדז, האָט זיך דאָך נישט געפונען קיין זאַך, וואָס זאָל קאָנען פאַרשטומען אין אונדז דאָס פרעכטיקע געזאַנג, וואָס האָט זיך געריסן פון אונדזער האַרץ. אין יענער צייט האָט אָפּגעהילכט אויף די גאַסן פון דער געטאָ אונדזער הימן, דאָס וואונדערלעכע געזאַנג פון גבורה און האָפענונג".

און ברענגענדיק דאָס גאַנצע ליד, שרייבט רוזשקע: „דאָס ליד, געשריבן דורך אַ יונגן ווילנער דיכטער, הירש גליק, אַ פּאַרטיזאַנער, איז כמעט דאָס איינציק פאַרבליבענע פון זיין פּראָדוקטיוו שאַפן אין דער געטאָ. דאָס ליד איז געוואָרן פאַר אונדז אַ הימן. דאָס ליד פון האָפנונגען און ספקות, דאָס ליד פון לעבן און טויט". און ווייטער: איינער פון דער קאָמאַנדע האָט אַמאָל אַ זאָג געטאָן, אַז אויב אַפילו מיר אַלע וועלן אומקומען, און ס'וועט פאַרבלייבן בלויז אָט דאָס ליד (דער שטייגער פון לידער, אַז זיי פאַרשווינדן נישט), וועלן פון אים די קומענדיקע דורות באַגרייפן אונדזער איצטיק לעבן און זיי וועלן פאַרשטיין און פאַרנעמען די צוואה, וואָס מיר האָבן זיי איבערגעלאָזט מיט אונדזער טויט". (ז"ז 169־170).

אבא קאָוונער, אין זיין דערמאָנטן בריוו (פונעם 20טן יולי, 1952) שרייבט מיר: „...אגב, אַ אינטערעסאַנטער פּרט: ביים ערשטן אָפּעל

אונדזערן אין וואַלד איז בייגעווען דער בריגאַדיר־קאָמאַנדיר יורגיס (זימאַן), און ווען אונדזער יידישער „אַטריאַד" האָט אָנגעהויבן זינגען דעם הימן („זאָג נישט קיינמאָל"), האָב איך פּלוצים באַמערקט, אַז דער קאָמבריג וויינט! אַזוי האָבן מיר זיך דערוואוסט, אַז ער איז אַ ייד"...

איי‌ניקע פּרטים וועגן ה. גליק און זיין שאַפן די לעצטע צוויי יאָר גיט איבער ש. קאַטשערגינסקי אין זיין בוך „חורבן ווילנע":

„דער יונגער דיכטער האָט אינעם טאָרף־לאַגער וויסע וואַקע „גע־אַרבעט צוזאַמען מיטן פאָטער", „דאָרט געהונגערט און קראַנק גע־וואָרן", און אַז ער האָט מיט זיינע לידער „דערפרייט די צעחושכטע גע־מיטער פון די פּאָר הונדערט מיטליידנדיקע אין לאַגער. אין ווילנער געטאָ פלעגט ער זיין אַן אָפטער גאַסט, האָט אָפט געלייענט פאַר אונדז זיינע ווערק... זיין שפּילעוודיק לידל ,זאַנגל' האָט אַרויסגערופן היי־טערקייט ביי זיינע חסידים. אָנהויב 1943 איז דער טאָרף־לאַגער, צו־ליב פאַרבינדונגען מיט פּאַרטיזאַנער, ליקווידירט געוואָרן און די אַר־בעטער זיינען אַריינגעשיקט געוואָרן אין ווילנער געטאָ. גליק איז גע־וואָרן אַ טעטיקער פּאַרטיזאַן. ווען די געטאָ האָט אָנגעהויבן ליק־ווידירט ווערן, און די פּאַרטיזאַנער האָבן דערקלערט אַ מאָביליזאַציע, איז ער גייענדיק אויפן מאָביליזאַציע־פּונקט, צוגענומען געוואָרן פון געשטאַפּאָ און אַוועקגעשיקט געוואָרן אין עסטאָנישן לאַגער גאָלד־פּילד. אויך דאָרט האָט ער געשריבן, בעסער געזאָגט — נישט גע־שריבן, ווייל קיין פּאַפּיר און בלייער זיינען נישט געווען, נאָר גע־קריצט ביי זיך אין זכרון. ווי אַ פּאַרטיזאַן, האָט ער נישט געוואָלט שלום מאַכן מיטן געדאַנק צו אַרבעטן ווייטער ווי אַ קנעכט ביי די דייטשן. ער איז מיט אַ גרופּע חברים פון גאָלדפּילד (עסטלאַנד) אַנט־לאָפן אין די דערבייאיקע וועלדער (זומער, 1944) און מער האָט ער זיך שוין נישט באַוויזן... זיין פאָטער איז אומגעקומען אין קלאָגע. אויך זיינע אַ שוועסטער איז געווען אין געטאָ". (ז"ז 195־196).

דר. מאַרק דוואָרזשעצקי, אין זיין בוך „ירושלים דליטא אין קאַמף און אומקום" (זכרונות פון ווילנער געטאָ, אַרויסגעגעבן דורכן יידישן פאָלקס־פאַרבאַנד אין פראַנקרייך, פּאַריז, 1948), דערציילט, אַז דאָס פּאַרטיזאַנען־ליד פון ה. גליק „האָט געמוטיקט די געטאָ־מענטשן אין די שלעכטע מינוטן" און אַז זיין צווייט ליד וועגן אַ פּאַרטיזאַנער־מיידל „האָט צוליב איר מעלאָדיע און חן אַרויסגערופן באַגייסטערונג ביי דער געטאָ־יוגנט". (ז"ז 282־283).

ווי א. סוצקעווער גיט איבער אין זיין בוך „ווילנער געטאָ”, איז הירש גליק „ביים דורכרייסן זיך דורך דער אַרומגערינגלטער געטאָ צו די פּאַרטיזאַנער אין וואַלד, פּאַרכאַפּט געוואָרן דורך די דייטשן און פאַרשלעפּט געוואָרן אין עסטאָניע אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער” („ווילנער געטאָ” בוענאָס־איירעס, 1947, ז׳ 181).

אַזוי איז ערגעץ־וואו פאַרפּייניקט געוואָרן דער יונגער דיכטער הירש גליק. ולא ידע איש את קבורתו, און קיינער ווייסט נישט וואו זיין געביין איז אַהינגעקומען.

מ׳דאַרף דאָ צוגעבן, אַז הירש גליק, ער גופא און זיין ליד „זאָג נישט קיינמאָל” זיינען אויף פאַרשיידענע אופנים אַרויסגעבראַכט גע־וואָרן אין לידער, אין פּאָעמעס און אַ דראַמאַטיש ווערק.

דאָס איז אַ טעמע פאַר זיך. מיר האָבן וועגן דעם, אגב, געשריבן אין אונדזער ביכל „הירש גליק און זיין ליד ,זאָג נישט קיינמאָל׳” (ניו־יאָרק, 1949, ז״ז 46־57).

5

דאָס ליד „זאָג נישט קיינמאָל" איז פאַרשפּרייט מיט פאַרשיידענע ענדערונגען און וואַריאַנטן.

מיר וועלן גיין כּסדר, און כּדי צו פאַרלייכטערן פאַרן לייענער, ער זאָל זיך אָריענטירן אין זיי, וועלן מיר גיין נאָך די שורות נאָך. מיר האָבן פינף פערזן צו פיר שורות — 20 שורות (די לעצטע פיר זיינען אַ רעפריין).

די ערשטע שורה איז אומעטום די זעלבע, אָבער שוין די צווייטע האָט שוין אַן אַנדער נוסח. אין דער לידער־זאַמלונג (מיט נאָטן) „אונדזער געזאַנג", וואָס דער צענטראַל־קאָמיטעט פון די יידן אין פוילן האָט אַרויסגעגעבן אין 1947, וואו דאָס ליד קומט, אַגב, נאָך דעם „אינטערנאַציאָנאַל" און „התקוה", — הויבט זיך אָן די צווייטע שורה מיטן וואָרט „כאָטש", „**כאָטש** הימלען בלייענע פאַרשטעלן בלויע טעג"; אין אַנדערע אויסגאַבעס — מיטן וואָרט „ווען" — „**ווען** הימלען בלייענע"...

אין דער דריטער שורה פונעם ליד איז אין אייניקע אויסגאַבעס דאָס וואָרט „נאָך" פאַרביטן אויף „דאָך" — „קומען וועט **דאָך**...".

אין דער פערטער שורה איז דאָ (אין דר. מ. דוואָרזשעצקיס בוך) אַ וואָרט „ס'וועט אַ **קלאַפּ** טאָן", אַנשטאָט ווי ס'איז דאָ אומעטום „ס'וועט אַ **פּויק** טאָן".

די פינפטע שורה האָט שוין אַ וועזנטלעכע ענדערונג: די ווערטער „ביז **ווייטן לאַנד** פון שניי" זיינען אין פיל אויסגאַבעס פאַרביטן אויף „ביז לאַנד פון **ווייסן שניי**" („דאָס געזאַנג פון געטאָ"), אָדער „ביז **ווייסן לאַנד** פון שניי" (אַ. סוצקעווער, מ. דוואָרזשעצקי א. א.). מיר מיינען דאָך, אַז פיל בעסער איז דער נוסח „ביז ווייטן לאַנד פון שניי". און אַוודאי טויג נישט „ביז לאַנד פון ווייסן שניי".

אין דער זעקסטער שורה, אַנשטאָט די ווערטער: „מיר **זיינען דאָ**"

(„יידישע קולטור", א. סוצקעווער, מ. דוואָרזשעצקי), האָבן מיר די ווערטער „מיר **קומען אָן**" („דאָס געזאַנג פון ווילנער געטאָ" א. א.).

אויך די זיבעטע שורה איז נישט אומעטום די זעלבע. אַנשטאָט „איז אַ שפּריץ"...", האָבן מיר די שורה אַזאַ: „און וואו געפאַלן איז אַ **טראָפּ** פון אונדזער בלוט". **שפּראָץ** טייג אַוודאי נישט!

אין דער ניינטער שורה איז דאָ בלויז אַ קליינע ענדערונג — דאָס וואָרט „**באַגילדן**" ווערט אין איין אָרט פאַרביטן אויף „**פאַרגילדן**".

די צענטע שורה האָט אויך אַן ענדערונג: אין אייניקע אויסגאַבעס קומט אַנשטאָט „**אונדזער** נעכטן" — „**און דער** נעכטן".

די עלפטע שורה הויבט זיך אָן אין אייניקע אויסגאַבעס: „**און** אויב", און אין אַנדערע — „**נאָר** אויב".

אין דער צוועלפטער שורה קומט אין אייניקע אויסגאַבעס אַנשטאָט „זאָל זיין" — „זאָל **גיין**".

אַ וועזנטלעכע ענדערונג איז דאָ אין דער דרייצנטער שורה: אַנשטאָט „און **מיט** בליי", ברענגען אַנדערע „און **נישט מיט** בליי".

אין דער פערצנטער שורה, אַנשטאָט „ס'איז נישט קיין **ליד**" — קומט „ס'איז נישט קיין **לידל**".

שורה פופצן — אין אייניקע אויסגאַבעס: „**נאָר ס'האָט** אַ פאָלק" — „**דאָס האָט** אַ פאָלק"...

שורה זעכצן האָט אין איין אָרט אַנשטאָט „מיט **נאַגאַנעס**" — „מיט **גראַנאַטן**".

אבא קאָוונער שרייבט אין זיינע פאַרצייכענונגען (פון 1944 „פלעקן אויפן מויער" („יידישע קולטור", 1947, נ. 5, ז' 87) וועגן דעם גע־הויבענעם גייסט אין דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע: „די נשמה האָט געבענקט און געזונגען דאָס ליד פון וואַגונג און גלויבונג". און ער ברענגט די שורות דרייצן־זעכצן (דעם פערטן פערז) אין אַזאַ נוסח: די שורה דרייצן — „**פאַרשריבן** איז דאָס ליד מיט בלוט און מיט בליי", און די שורה זעכצן: „דאָס ליד געזונגען מיט **גראַנאַטן** אין די הענט".

אין זיין בריוו (פונעם 29טן יולי, 1952) שרייבט מיר אבא קאָוו־נער: „וואָס שייך דעם טעקסט (פון „זאָג נישט קיינמאָל") איז אַזוי ווי איר גיט אָן איז ריכטיק! אַ חוץ איין וואָרט (שורה דרייצן) דאַרף זיין „**פאַרשריבן**" און נישט „געשריבן". וואָס שייך „נאַגאַנעס", „גראַ־נאַטן" (שורה זעכצן) — דאַרף טאַקע זיין „נאַגאַנעס" („איך האָב אין מיינע פאַרצייכענונגען געהאַט אַ טעות").

ווי מיר זעען פון די געבראַכטע פאַרשיידענע נוסחאות, זיינען בלויז צוויי שורות, די ערשטע און די אַכטע די זעלביקע, אַן ענדערונגען. די אַלע איבעריקע פערצן שורות האָבן פאַרשיידענע ענדערונגען, קליינע, נישט־וויכטיקע, און אויך וועזנטלעכע. דאָס ליד ווערט ווייטער איבערגעשריבן, קאָפּירט אויף פאַרשיידענע אופנים, און ס׳וואַקסט אַזוי אַרויס אַ פלאַנטער אַרום אַ ליד, וואָס איז דורכן יידישן פאָלק דערהויבן געוואָרן צו אַ נאַציאָנאַלן פאָלקס־הימן.

ס׳איז שוין צייט, אַז אַן אויטאָריטעטע קולטור־געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציע זאָל איין מאָל פאַר אַלע מאָל באַשטימען איין ענדגילטיקן טעקסט פון דעם ליד־הימן.

ס׳איז אויך וויכטיק, אַז די זעלבע אויטאָריטעטע אינסטיטוציע זאָל באַשטימען איין פעסטן טעקסט פאַר די איבערזעצונגען אין די פאַרשיידענע שפּראַכן פונעם הימן. ווי באַקאַנט זיינען דאָ זעקס ענגלישע איבערזעצונגען פונעם ליד, דריי איבערזעצונגען אין פּויליש און איבערזעצונגען אין רומעניש, שפּאַניש, האָלענדיש א. א. וו. אויף העברעאיש איז דאָס ליד איבערגעזעצט דורך א. שלאָנסקי (זע מיין ביכל „הירש גליק און זיין ליד, זאָג נישט קיינמאָל״, איקוף־פאַרלאַג, ניו־יאָרק, 1949, 84 ז״ז).

איך האַלט פאַר מיין חוב אויסצודריקן אַ דאַנק דעם דרוקער, דעם פּריינט א. שאָולזאָן, וואָס האָט מיך סטימולירט צוגרייטן דאָס בוך און וואָס האָט אַליין, אויפן אייגענעם חשבון, געזעצט און אָפּגעדרוקט עס. איך זאָג אים אין מיין נאָמען, אין נאָמען פון איקוף און אין נאָמען פון די לייענער אַ האַרציקן יישר־כוח.

אַ דאַנק אויך דער ח׳ דינה אַבראַמאָוויטש פון דער „ייוואָ״־ביבליאָטעק, פאַר איר אַרויסהעלפן מיר צו געפינען די לידער פון הירש גליק.

נחמן מייזיל

אַפּריל, 1953.

הירש גליק

לידער און פּאָעמעס

אַמאָל...

איך האָב געטרוימט אַמאָל
צו ווערן אַ מילנער אין אַ ווינט־מיל,
הינטער אַ ווייטן באַרג, הינטער אַ זיידן־גרינעם טאָל,
הינטער זיבן טייכעלעך שעפּטשענדיקע שטיל...
האָט אַ ווינט מיין טרוים פאַרטראָגן.

איך האָב אַמאָל געטרוימט
צו זיין אַ העלד פון אַ לעגענדע,
וואָס האָט אַ נימפע אַרויסגעצויגן אויף זיין ווענדע,
אפשר וואָלט זי מיר דעם לעבנס־סוד אַריינגערוימט.
האָבן כוואַליעס די נימפע צום אָפּגרונט פאַרטראָגן.

איך האָב אַמאָל געהאַט אַ טרוים
צו וואוינען אויף אַ הויכן בוים,
וואָס קוקט איבערן ים פאַרבענקט, —
האָט דער ים דעם בוים פאַרשווענקט
אין האַרבסטיקע פאַרטאָגן.

איך האָב געטרוימט אַמאָל צו זיין אַ מלך
אין אַ ווייטן, ווייטן לאַנד,
וואו די ביימער רוישן פריילעך,
מענטשן נאַקעט, אָן קיין שאַנד...
בין איך נאַקעט געבליבן אויף קרעמערדיקע ראָגן.

און איך טרוים נאָך היינט
און ס׳איז מיר גוט,
איך בעטל בלויז אַביסל מוט
און כ׳פּרואוו אַרונטערברעכן יעדע צוים...
און איך וויל מיין טרוים קיינעם נישט זאָגן...

יאַנואַר, 1939.

זעקס וועלף

זיצט דער טאַטע שבת־צונאַכט,
האַלב־וואַכעדיק און האַלב־יום־טובדיק נאָך,
זיצט ער שטיל אַזוי און טראַכט:
ווי זעקס וועלף קומען די טעג פון דער וואָך.

וואו זיך ווענדן, וואו זיך קערן
ס'גייט אַ ווינטער, גאָט באַהיט!
קנייטשט ער גמראַדיק דעם שטערן,
און קיין ענטפער קריגט ער ניט.

טראַכט ער: „ווייניק טראַכטן איז געזינטער", —
פּרואווט ער די געדאַנקען צו פאַרטרייבן.
„וואָס, ס'איז, ברוך השם, דער ערשטער ווינטער?" —
זינגט ער אונטער מיט אַ תהילים־ניגון.

איז אַ ניגון ניט קיין פייער,
שרעקן זיך די וועלף ניט אָפּ,
זעט דער טאַטע צוועלף שטיק פייער,
גייען אויף זיין קאָפּ...

פאַרגלייזט ער די אויגן צום הימל,
ווי אייגער בעט: „גאָט, העלף!"
נאָר ווי ער כאַפּט אַ לייכטן דרימל,
קומען ווידער אָן די וועלף...

יאַנואַר, 1939.

שמשון

אַ ווילדע סטאַדע האָט זיך אויפגעקליבן
אַרום העלד, זיך פריילעך מאַכן...
— בלינדער, אין אַ שיינער פלישתית וואָלסטו
היינט זיך נאָך פאַרליבן?
איינער וויצלט זיך און אַלע לאַכן.
און שמשון איז מאַכטלאָז און שטום,
ער איז בלינד, אים איז גוט!
אַ שיכורער ווילדער געהויל אים אַרום,
און יעדער קלאַנג ווי אַ שלאַנג שטעקט
דעם גיפט אין זיין בלוט.
אַ פינצטערניש יאָגט פון די אויגן-לעכער,
און הינטערן חושך טליעט נאָך גלויבן אין מוח.
די האָר צעשפּראָצן זיך העכער און העכער.
אָ, וואונדער! ס'קערט זיך אום דער
אַמאָליקער כוח...
דער געדאַנק צעשויבערט,
צעבלוטיקט און דערהויבן —
און נאָך אַמאָל האָט ער באַצויבערט
מיט זיין מאַכטיקן באַנייטן גלויבן... —

אָ, העלד! צו דיר מיינע גרעסטע לויבן!
איך שטיי ווי דו מיט געקאָוועטע הענט,
נאָר ס'טליעט אַ פונק פון לעצטן גלויבן,
און אונטער מיר דער שייטער ברענט...
נאָר פרעמד איז מיר די שרעק,
עס זינגט אין מיר איעדער אבר...
וועלט! אויב כ'וועל אַוועק,
וועל איך דיך מיטשלעפּן אין קבר!

פעברואַר, 1939.

דאָס אויג

פאַראַן אַזאַ אויג, וואָס וואַכט אויף אונדז אַלע,
אַזוי ווי דאָס „אויג" אויפן מערדער אין תפיסה:
דאָס ליכטיקע אויג איז איבער אונדז אַלע,
עס גייט אונדז נאָך פון געבורט ביז דער גסיסה.

מיר גייען אונדזער וועג פון פאַרטאָג ביז דער שקיעה,
און דאָס אויג פונדערווייטנס ווי אַ מוטער וואַכט,
נאָר לאָזט עס אַראָפּ אַ וויע,
דאַן לאָזט זיך אַראָפּ די נאַכט.

די מעשה מיטן אויג פלעגט דערציילן די באָבע,
איר אַלע מעשיות האָבן געהאַט איין סוף;
ביז טיף אין דער נאַכט פלעגן זיך באַוועגן אירע ליפּן די גראָבע,
דערנאָך פלעגט זי פאַרענדיקן מיט מוסר און שטראָף.

גראָד היינט איז מיר די מעשה אַרויף אויפן זינען,
די נאַכט האָט זיך געצויגן אָן אַ סוף —
און איך האָב אַזוי געוואַרט אויפן באַגינען
און געטראַכט: דאָס אויג איז אַריינגעפאַלן אין אַ שלאָף...

מערץ, 1939.

דער אייביקער ניגון

אַמאָל איז געווען אַ קלויסטער,
דער קלויסטער איז היינט אויך דאָ;
אַמאָל איז געווען אַ בעטלער,
דער בעטלער איז היינט שוין ניטאָ.

אַמאָל איז אַ זומער געווען,
זומער וועט אייביק דאָך זיין,
און דעם נישט אייביקן בעטלער
האָט גאָט נישט פאַרגונען די שיין.

איז ער געזעסן לעם קלויסטער דער בלינדער,
די קלאַנגען פון אָרגל געגעסן;
אַמאָל האָט ער פּים געהאַט,
נאָר ער האָט זיי אין מלחמה פאַרגעסן.

פון דעמאָלט אָן זיצט ער לעם קלויסטער,
זיין פּנים — אַ האַרבסטיקע כמאַרע.
דער קלויסטער־גלאָק רופט אַלע זונטיק אין קלויסטער,
און דער בעטלער שפּילט אויף זיין גיטאַרע.

אַמאָל פלעגן מענטשן אַ זיפץ טאָן,
אַמאָל פלעגט אַפילו ווער געבן אַ גראָשן,
און אַמאָל האָט ער אייגענע אויגן געהאַט,
האָט גאָט נישט פאַרגונען און האָט זיי פאַרלאָשן.

פון טאָג צו טאָג ווערן גרעסער די קניען,
יעדער טאָג לייגט אַ קנייטש אין זיין פאַלדיקער צורה,
דערנאָך... איז ער אַראָפּ פון זינען...
און ער איז געשטאָרבן — די אונטערהשטע שורה.

אַמאָל איז געווען אַ קלויסטער,
דער קלויסטער איז היינט אויך דאָ.
אַמאָל איז געווען אַ בעטלער —
און היינט איז ער ניטאָ.

ניטאָ דער בעטלער, ניטאָ די גיטאַרע,
דאָס אָרט לעם קלויסטער איז פריי,
נאָר כ׳הער אויך נאָך איצטער דעם אַלטנס ניגונים,
ווען כ׳גיין נאָר דעם קלויסטער פאַרביי.

מערץ, 1939.

וויגט די מאַמע מיך און זינגט

וויגט מיך די מאַמע איין,
זינגט האַרציק ווי אין תחינה:
— וועסט, מיין קינד, אַ לייט נאָך זיין —
איינער אין מדינה!

ריים איך זיך ביי איר פון שוים,
לאָז זיך ניט פאַרוויגן;
אויב ס׳איז מיר באַשערט זיין גרוים —
פאַסט מיר ניט צו ליגן.

זינגט די מאַמע מיט אַ שטים, —
איז עס הוילע פּאַניק,
שריי איך מיט מיין מעסער־שטים,
קוויטשיק און איינטאָניק.

קלאָגט זי זיך: „אוי, לאָז צורו!" —
און איך זע צוויי ציגן...
קלעפּן זיך די אייגעלעך צו,
און איך ווער אַנטשוויגן.

אַפּריל, 1939.

הוסייני טשעבי אגלי

ווי אין הקדש־גאָס אַ פּאַלמע־בוים,
ווי אַ וואָלפיש אין ווילִיע,
זיצט אין ווילנע טשעבי אגלי,
ווי אויף אַ צפון־קריע.

ער איז אַ טערק הוסייני
און אפשר אַ פּאַרטריבענער סולטאַן.
דאָ פאַרמאָגט ער אַ קאַנדיטערסקע
אויף קאַליעיאָווע אנטקעגן באַן.

ער קאָן דעם סוד פון מאַכן כאַלוואַ,
זיין מאַרקע איז סעזאַם און אַנדערע נעמען.
אויף זיין שילד שטייט דייטלעך: הוסייני טשעבי אגלי —
„וואָס, כ׳וועל מיט מיין טערקישקייט זיך שעמען?"

קוקט הוסייני דורכן פענצטער
פון זיין ציכטיקער קאַנדיטעריי,
און עס בענקט זיך נאָך אַ קונה,
און עס בענקט זיך נאָר טערקיי.

נאָר קיין טערקן קומען ניט
און קיין גויים ווילן ניט,
זיצט ער מיט פאַרלייגטע הענט
און חלומט פון אָריענט.

אַפּריל, 1939.

די נאַכט פון סעפּטעמבער ניינצן־ניין־און־דרייסיק

לייזער וואָלפן

טייערסטער לייזער, כ׳האָב היינט געלייענט דיין סאָנעט —
און אַ דערמאָנונג האָט אַדורכגעבליצט אין מיין זכרון:
סעפּטעמבער ניינצן ניין־און־דרייסיק. נאַכט, שפּעט, —
און אין די דונערדיקע קלעפּ פּלאַצט דאָס געוויין פון צוואַנציק יאָרן.

די וויספּאָליאַקישע חיילות טרעטן אָפּ אין גרוים בהלה,
דער רעגן גיסט און גיסט און קאָן די בלוט־פלעקן אַלץ נים פאַרשווענקען.
דאָס פאָלק אין אַלע טויערן באַגלייט זיי מיט אַ קללה.
אַ, יענע נאַכט ביי דיר אין שטוב וועל איך אויף אייביק שוין געדענקען.

דאָס רויכערדיקע נאַפט־לעמפּל וואַרפט זיין בלאַסע ליכט,
אַ הייליקער ציטער ווייעט פון אונדזערע שוואַרצאַפּלען.
כ׳וועל נישט פאַרגעסן יענע פייערלעכקייט אויף דיין וועלפישן געזיכט,
די שטומע פרייד און פון די הערצער אונדזערע דאָס פיבערדיקע צאַפּלען.

דער גואל שטייט שוין פאַר די טויערן פון שטאָט,
ער וואַרט. ער וועט אַריינקומען מיטן באַגינען.
אָט שטעלט ער דעם ערשטן שטאָלענעם טראָט,
און מיר זעען בפירוש ווי די נאַכט נעמט צערינען.

דאָס לעמפּל איז אויס. דו רעדסט. דיין וואָרט — אַ מוטערלעכער גלעט
צו דעם, וואָס איז ערשט היינט פאַרטאָג געבאָרן...
טייערער לייזער, כ׳האָב היינט געלייענט דיין סאָנעט —
און אַ דערמאָנונג האָט אַדורכגעבליצט אין מיין זכרון.

6טן סעפּטעמבער, 1940.

דער נאַראַטש ברויזט

1

דער אומרו האָט צום נאַראַטש מיך פאַרטראָגן,
איך האָב געמיינט — די כוואַליעס וועלן מיך פאַרוויגן.
אומזיסט האָב איך געשניטן דעם נעפל פון פאַרטאָגן —
ווייל רו איז ניטאָ, ווייל רו איז אַ ליגן...

אַ פעלד, אַ דערפל, אַ מאָהילניק.
אַ פאַראָרעמטער יעזוס באַוואַכט אַלע וועגן:
מיכאַלישאָק, סוויר, קאָבילניק —
ביז צו די נאַראַטשער ברעגן.

2

כ׳האָב ביים נאַראַטש אַ פלאַקסענע שיקסל באַגעגנט:
— זאָג, שיקסל, צי קאָן איך דאָ קריגן וואו ברויט?
און מילך צי איז פאַראַן אינעם געגנט?
זי האָט זיך געררויטלט, דער נאַראַטש — געבלויט.

אירע אייגעלעך האָבן אין זאַמד זיך פאַרגראָבן:
— ניטאָ ביי אונדז קיין מילך, ניטאָ קיין ברויט;
אונטער יענעם צלם ליגט די מאַמע באַגראָבן,
דער טאַטע אינעם נאַראַטש ט׳געפונען זיין טויט — —

נאָר ווער האָט ביים נאַראַטש אַ ברויטל געזען?
און וואו פאַלן מאַמעס פון הונגער אוועק?...
(אַ כוואַליע זיך נעענטערט צום ברעג ווען ניט ווען,
און גיט איר די באָרוועסע פיסלעך אַ לעק).

3

אַ טרוקענע פויערטע וויינט איבער אַ שפינדל:
וואָס זאַמען די זין זיך אַזוי פיל ביים פאַנגען?
נאָר ס׳קערט זיך באַלד אום דאָס גאַנצע געזינדל,
און ס׳ווערן די פלויטן מיט נעצן באַהאַנגען.

זעצן זיך אַלע צום ליידיקן טיש
פון הונגער צערייצטע ווי ביקן —
נאָר שווייגן שווייגט מען ווי נאַראָטשער פיש
און מען מיידט אוים די פינצטערע בליקן.

זיצט מען אַזוי מיט צעשפּיליעטע העמדער,
די פנימער שטייף, די ברעמען פאַרצויגן.
מען קוקט דורכן פענצטער, צי ס'לויערט אַ פרעמדער —
און ס'ברענען שטורקאַצן אין אַלעמענס אויגן.

אַ לעמפּל סמילקעט זיך טיף אין דער נאַכט
און באַשאָטנט ווייסרוסישע סודות — — —
עס טראָגן דעם צאָרן אויף פּוילישער מאַכט
די אייניקלעך פּונקט ווי די זיידעס.

דער ים פרעסט דעם ברעג, דער הונגער — דעם פּויער,
דער פישער דערטרינקט אין נאַראָטש זיין צייט.
און ס'קוקן פון כאַטקעס די שייבלעך פול טרויער —
צי ביסטו, דערלייזער, נאָך ווייט?

און קינדערשע נעזלעך פאַרקוועטשן די שויבן
און טוליען צונויף זיך קעפּל צו קעפּל,
זיי זעען, דער ברעג נעמט פּלוצים זיך שטויבן
און ס'הויבט זיך פון ים־ראַנד אַ בלויאיקער נעפּל.

ס'צעהוידן זיך זעגלען אין ווייסן געפלאַטער,
און פויערטעס קוקן מיט אויגן פון אימה;
עס עפנט דער הימל זיך אויף ווי אַ קראַטער
און פייערט אוים בליציקע צייכנס געהיימע...

און ווען אַלץ איז געלעגן אין נעפּל פאַרהילט —
האָט דעם חושך געשפּאָלטן אַ בליץ ווי אַ פאָן —
ביים נאַראָטשער ברעג האָב איך דאָן נאָך דערפילט,
ווייסרוסלאַנד דערוואַכט, איר גואל קומט אָן!

13טן נאָוועמבער, 1940.

בלאָע זאַמד

זיי אַ העלד און כאַפּ דיין שאָטן,
און פאַרהאַלט אַ בלאָע שעה.
קינדהייט ליגט אין זאַמד פאַרקנאָטן,
קיין צוריקוועג איז ניטאָ.

זאַמדוועגן פון זון צעזאָטן,
האָניק טריפט פון בלאָען רוים,
ס׳ליגן זאַמדשלעסער פאַרשאָטן
אין געוועב פון זילבערטרוים.

אין דער לופטן הענגען נאָטן
און זיי זינגען זיך אליין;
פייגל זיינען דאָס אויף דראָטן,
איבער זיי — אַ בלאָע קרוין.

אַ קאַרשנבוים שטייט אָפּגעשאָטן —
אַ גירלאַנד פון ווייסע בליטן,
אָוונט וואַרפט דעם ערשטן שאָטן,
הימל נעמט מיט שטערן שיטן.

14טן נאָוועמבער, 1940.

די באַלאַדע פון ברוינעם טעאַטער

(ספּעקטאַקל אין לוקישער טורמע)

פּאַטערל שעקספּיר, „מאַך לוס" פון דער עסטראַדע!
פּאַר נייע אייראָפּע, נייע קונסט מיט ערודיציע.
אַ, וועלט, שטעל אַן דיין טויבן אויער און הער אויס די באַלאַדע,
מיר הויבן אָן צו טראַנסמיטירן די אווידיציע — — —

אָן אַפישן, אָן פּלאַקאַטן,
הינטער ווענט און הינטער גראַטן
ערשטער אַקט פון אונדזער דראַמע:
ס'קאָמאַנדירט אַ ווייסע דאַמע
געאָרעמט פון אַ שוואַרצן הער,
דאָס פּובליקום וואָס אָטעמט שווער:

אַכטונג!
אַכטונג, טויטע רייען!
אָן געפילדער, אָן געשרייען
זאָל אַרויס דאָס יינגסטע מתל — — —
זאָל עס זינגען די „האָרסט וועסל"
און דאָס פּובליקום זאָל שווערן —
וואָס עס זעט און וועט באַלד הערן,
זאָל דערפון קיין האָן ניט קרייען!

אַכטונג!
סמירנאַ, טויטע רייען!
ווער וועט זיין דאָס יינגסטע מתל?
ווער וועט זינגען די „האָרסט וועסל?"
טויזנט אויגן אין געפינקל.
וואַקסן אויס פון צעלע־ווינקל
זיבן מתים
אין תכריכים און טליתים,
ס'ברענט אַ ליכט אין יעדער האַנט
און זיי וואַרטן ביי דער וואַנט — — —

קוקט דאָס פּובליקום זיך איבער
און געשליידערטע פון פיבער, —
אַלע אויגן צו דער דאַמע;
קוקט אַ טאַטע, קוקט אַ מאַמע,
טויזנט הערצער אין געצאַפּל.
יעדער זוכט אין איר שוואַרצאַפּל.
וויגט זי וואַרטנדיק די שטריק:
ווער ס'פאַרנעמט איר שאַרפן בליק
קערט זיך מער ניט אום צוריק...
וויגט
זיך
וואַרטנדיק
די
שטריק — — —

הענגט די לבנה זיך אַן אויף דער גראַטע:
פּנימער געלע, פּנימער מאַטע...
טאַפּט די לבנה מיט פינגער בלאַסע:
איינע טיילט זיך דאָ אויס פון דער מאַסע — — —
אַ בלאָנדע פרוי,
און טראָפּנס טוי
הענגען אין די בלאָע אויגן.
האָט אַ יידישע מוטער אַזעלכע געזויגן?
טאַפּט די לבנה מיט פינגער בלאַסע
און טיילט אויס די פרוי פון דער פינצטערער מאַסע.
זעט די לבנה אַן אויפגעגאַנגען בויך — — —
זעען דער הער און די דאַמע דאָס אויך.
אַ מהומה אין די רייען,
ס'קייקלט זיך די פרוי אין ווייען.
נאָר די דאַמע, ניט פאַרלאָרן,
קלאַפּט אין וואַנט נאָך אַקושאָרן:
„ס'ווערט אַ קאָמוניסט געבאָרן!!!
ווערט דאָס זינגען די „האָרסט וועסל",
וועט דאָס זיין דאָס ערשטע מתל!
קומען זינגעניק זיבן כלות:

„דויטשלאַנד, דויטשלאַנד איבער אַלעס“.
טויטע קליידער אין געפלאַטער...
ס׳פאַלט דער פאָרהאַנג פון טעאַטער.

אויפן אַנטראַקט,
זיינען געשפרונגען אין איין אַקט
די שלייפן אין קאָפּ און די געדערעם אין בויך.
פאַר דערליידיקן אַ מענטשלעך געברויך,
האָט דאָס פובליקום געצאָלט
מיט צירונג, מיט גאָלד
און פרעמדער וואַליוטע...
דאָס לעבן איז געגאַנגען אין ווערט פון אַ פרוטה;
און וואַסער אַ טרונק —
קאָסט אַ... מקדש־רונג.
דער וועכטער האָט אַן אַפּאַראַט
וואָס מאַכט פון טינוף ברויט צו זאַט:
ס׳איז דער עמער מיט פּאַמויעס.
ט׳ער געדונגען זיך צוויי גויעס
און זיי בייטן עס כסדר.
יידן האָבן צירונג, קליידער,
פירט דער וועכטער דאָס געשעפט
מיט אַ בלייער, מיט אַ העפט.

אַ קלונג — —
די לבנה האָט ווידער שוין אַריינגערוקט אַ צונג
אין דער פינצטערער צעלע.
פּנימער מאַטע, פּנימער געלע,
מיט עלעקטרע־שטראָם אין קני,
טויזנט אויגן אין געגלי...

צווייטער אַקט פון אונדזער דראַמע,
ס׳נעמט ניט אַנטייל דאָ די דאַמע,
פון דער זייט דער רעזשיסער
אין פערזאָן פון שוואַרצן הער.
אויף דער שוואַרצער פאָן פון בינע
שפּרייטן לאַנדשאַפטן זיך גרינע,

בערג באַוועלדערן דעם האָריזאָנט
און אַ רוישן הערט זיך פון נאָנט — — —
ס׳קומען פייגעלעך פון שטאָל,
קרייזן הויך איבערן טאָל
וואו עס וואַקסט אַ יונגע שטאַט,
וואו פון פעסטן זעלנער־טראָט
הוידעט זיך די גרינע בריק
הין צוריק, הין צוריק.
פונעם רוישן ווערט אַ זשומען,
טאַנקען טונקען זיך אין בלומען.
עפּעס קומט און האַלט אין ווערן.
שפּרודלט פרייד אַרויס פון טרערן...
— — — — — — — — — — — —
טויזנט אויגן אין געגלי,
מיט עלעקטרע־שטראָם אין קני,
אַלע מיילער, אַלע ברוסטן,
אַלע גלידער גלוסטן, גלוסטן,
אויסרופן: הוראַ! הוראַ!
— — — — — — — — — — — —
קראַ... קראַ... קררראַא!!!
מעסערט פּלוצעם אַ וואָראָנע.
ס׳פלאַטערט אויף אַ שוואַרצע פאַנע
אין די הענט פון רעזשיסער, —
ס׳צינדט אָן ליכט דער שוואַרצער הער:
— גיכער גיט דעם טויטן־לייַלעך!
רויט די וועלט, דער גאַנצער קיילעך!
טויט די יידן! שרייט ער, ברומט —
איידער טימאָשענקאָ קומט!
שוואַרצער ליילעך אין געפלאַטער...
ס׳פאַלט דער פאָרהאַנג פון טעאַטער — — —
— — — — — — — — — — —
אָ, טויבע וועלט, דו שלאָפסט אַזוי האַרט!
אָ, שטומע עדות, איר לוקישקער ווענט!
אין גראָען באַגינען האָבן אויטאָס געוואַרט,
אויטאָס באַדעקטע מיט גראָען ברעזענט.

.1943

שטיל די נאַכט איז אויסגעשטערנט

שטיל די נאַכט איז אויסגעשטערנט
און דער פראָסט האָט שטאַרק געברענט,
צי געדענקסטו, ווי איך האָב דיך געלערנט,
האַלטן אַ שפּייער *) אין די הענט?

אַ מויד, אַ פּעלצל און אַ בערעט
און האַלט אין האַנט פעסט אַ נאַגאַן,
אַ מויד מיט אַ סאַמעטענעם פּנים
היט אָפּ דעם שונאס קאַראַוואַן.

געצילט, געשאָסן און געטראָפן
האָט איר קליינינקער פּיסטויל,
אַן אויטאָ אַ פולינקן מיט וואָפן
פאַרהאַלטן האָט זי מיט איין קויל.

פאַרטאָג, פון וואַלד אַרויסגעקראָכן,
מיט שניי־גירלאַנדן אויף די האָר,
געמוטיקט פון קליינינקן נצחון,
פאַר אונדזער נייעם, פרייען דור.

1942.

---

*) אַ רעוואָלווער.

דאָס זאַנגל

בלאָנד ביסטו ווי אַ זאַנגל,
שיין ווי דער זון־פאַרגאַנגל,
פיר מיך דורך באַרג און טאָל
און איך דיך נאָך אַמאָל,
ביז מיר וועלן זיך שיידן.

און וואָלט איר זען ביים שיידן
אין ראָזן שקיעה ביידן,
ליפּן ווי מערעלעך,
אויגן פול טרערעלעך
און בעסער גאָרניט רייד̇ן.

הער, מיידל, מיין פאַרלאַנגל,
אין ראָזן זון־פאַרגאַנגל,
שווער מיר ביים זונען־שיין,
אַז דו וועסט מיינע זיין, —
און זי האָט אים געשוואָרן.

און זי האָט אים געשוואָרן,
פורפור איז ער געוואָרן,
פורפור ווי דער פאַרלאַנג,
פורפור ווי זון־פאַרגאַנג,
הינטער די בלאָנדע קאָרן.

אין פאַסטעכס פייפל־קלאַנגל,
לעשט זיך דער זון־פאַרגאַנגל,
און אין די הימלען טיף,
די לבנה אַ זעגל־שיף
איז שוין אַרויסגעגאַנגען.

איז זי זיי נאָכגעגאַנגען
און שטערן אויסגעהאַנגען,
שטערן איבער די צוויי
און ביימער צווישן זיי —
שטייען ווי חופּה־שטאַנגען.

1943.

זאָג נישט קיינמאָל

זאָג נישט קיינמאָל, אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג,
הימלען בלייענע פאַרשטעלן בלויע טעג;
קומען וועט נאָך אונדזער אויסגעבענקטע שעה,
ס'וועט אַ פויק טאָן אונדזער טראָט: מיר זיינען דאָ!

פון גרינעם פאַלמענלאַנד ביז ווייטן לאַנד פון שניי,
מיר זיינען דאָ — מיט אונדזער פיין, מיט אונדזער וויי;
און וואו געפאַלן איז אַ שפריץ פון אונדזער בלוט,
שפראָצן וועט דאָרט אונדזער גבורה, אונדזער מוט.

ס'וועט די מאָרגן-זון באַגילדן אונדז דעם היינט,
אונדזער נעכטן וועט פאַרשווינדן מיטן פיינט;
און אויב פאַרזאַמען וועט די זון און דער קאַיאָר,
ווי אַ פאַראָל זאָל זיין דאָס ליד פון דור צו דור.

געשריבן איז דאָס ליד מיט בלוט און מיט בליי,
ס'איז נישט קיין ליד פון אַ פויגל אויף דער פריי,
נאָר ס'האָט אַ פאָלק צווישן פאַלנדיקע ווענט
דאָס ליד געזונגען מיט נאַגאַנעס אין די הענט.

זאָג נישט קיינמאָל, אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג,
הימלען בלייענע פאַרשטעלן בלויע טעג;
קומען וועט נאָך אונדזער אויסגעבענקטע שעה,
ס'וועט אַ פויק טאָן אונדזער טראָט: מיר זיינען דאָ!

1943.

Nathan & Chaika
Seres